STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01731

# YIDISHE SHRAYBER IN DER HEYM

Ephraim Kaganowski

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# אפרים קאַגאַנאָווסקי

יידישע
פאלקס ביבליאטעק
טאראנטא
PUBLIC LIBRARY, TORONTO

# יידישע שרייבער אין דער היים

פ אַ ר ל אַ ג „י י ד י ש - ב ו ך"

לאָדזש ● 1949

הילע געצייכנט פון יצחק רייזמאן

E. Kaganowski
JIDISZE SZRAJBER IN DER HEJM
(Wspomnienia)
Wyd. „Idisz Buch“ przy CKŻP
Łódź — 1949

Drukarnia R. S. W. „Prasa“
Łódź, ul. Narutowicza 32.
Zam. Nr 270-49 3.000 egz.
D-04112

# מאָנאָגראַפישע עס״ען



י. ל. פרץ אין יאָר 1914

(פאָטאָגראַפירט פון א. [illegible])

# פּרצעס טאָג

טאָג=טעגלעך, פּונקט ניין אינדערפרי, באַגעגענען מיר אים איילנדיק דורך „טשעפּלאַ“ און „צעגלאַנאַ“ גאַס, אויף וועלכער ער האָט לאַנגע יאָרן געוווינט. ער גייט איינגעהילט אין זיין ברייטער, אייביקער פּעלערינע, די וואָנסן זיינען ביי אים צעפּלאָשעט, די אויגן בליצן אַפּער פון אונטערן ווייכן, גרינעם יעגער=הוט, זיין האַנט ווערט נישט מיד צו ענטפערן אויף די באַגריסונגען פון אַלע זייטן.

קינד און קייט קאָנען אים אין דער גאַנצער יידישער געגנט. אפילו די וואָס ווייסן נישט, אַז דאָס איז אַ יידישער שרייבער, אַז דאָס איז דער באַוווסטער י. ל. פּרץ, קוקן אים נאָך. עפּעס בלאַנקט אַרויס פון אים אַ יום=טובדיקער שימער. אין זיין אַנדערשקייט זעט דאָך די יידישע גרויע גאַס אַ נאָענטקייט און גוטסקייט, וואָס רופט אַרויס אַ גוטמוטיקן שמייכל, אַזוי ווי צו אַ דאָקטאָר, וואָס „איז גוט צו אָרעמע קראַנקע“.

אָט דער קאַרגער, אינדערפריאיקער גאַנג זיינער דורך די עטלעבע גראָע, שטויביקע יידישע גאַסן ווערט ביי י. ל. פּרץ אויך פּאַרוואַנדלט אין אַ שפּאַציר פון אַ זאָרגלאָזן, יום=טובדיקן מענטש.

אָבער נישט קיין שפּאַציר איז דאָס געווען. באַלד ווערט פּרצעס פּנים מאַט, די טריט ווערן ווי אונטערגעבראָכן, ווען ער דערזעט פאַר זיך דאָס רויט=ציגלדיקע „קאַזיאָנע“ הויז פון דער יידישער גמינע אויף „גזשיבאָווסקע“=גאַס. דאָס הויז, וואו י. ל. פּרץ איז אָפּגעזעסן זיינע בעסטע שעהען פונעם טאָג אלס אַ גוטער „טשינאָווניק“, ווי עס האָט געזאָגט אויף פּרצעס קבר זיין שעף, דער דעמאָלטיקער פּרעזעס פון דער וואַרשעווער גמינע: „דיזער פּרץ וואַר איין גראָ=

סער מאן... ער האט ני אין זײַנעם לעבן צו דער אַרבעט פערשפעטיקט״...

י. ל. פּרץ איז לאַנגע יאָרן געווען אַ קרקע־טײלער, ער האָט פאַרקויפט שטיקלעך ערד צו באַגראָבן יידן. און אפשר איז בעסער וואָס פרץ האָט פארקויפט זײַן צײַט די לויה־יידן. ווײַל בײַ דעם גאַנצן משוגהדיקן געמיש פון קינסטלער און משיגאָוניק איז אים דאָך געגעבן געוואָרן ווי עס איז בכבודיק דורכצולעבן. ווײַל ווער ווייסט צי ס׳איז דעמלט נישט בעסער געווען צו טײלן קרקעס, אײדער שרײַבן אויף באַשטעלונג אין דער געלער פרעסע.

יעדעס מאָל, ווען מיר איז אויסגעקומען צו באַגלײטן פרצן צו דער גמינע, האָט ער איבערגעחזרט די זעלבע ווערטער:

— ווען גאָט זאָל מיר העלפן, איך זאָל נישט דאַרפן גײן אהער... איך וואָלט געשריבן אַ גאַנצן טאָג... איך וואָלט געשריבן צענדליקער נײַע זאַכן... ווען גאָט זאָל מיר העלפן איך זאָל געווינען אויף דער לאָטערײַ...

קײן אנדער האָפענונג פטור צו ווערן פון דער גמינע האָט ער זיך נישט געקאָנט פאָרשטעלן... אָט דער גראָער גמינע־פלעק אויף פרצעס שעפערישן טאָג, האָט אָבער געדױערט נאָר ביז דרײַ אַזײנער. ווי נאָר פרץ איז ארויס פון דער טוכלער גמינע־לופט, האָט זיך אין אים אַרײַנגעגאָסן אַ נײַ לעבן. ער איז געוואָרן פלינק ווי אַ יינגל, וואָס לויפט צוריק פון חדר, ער האָט זיך געטראָגן איבער דער גאַס מיט אַ גליקלעכן שמייכל צו דער גאַנצער וועלט. ער האָט געשלונגען די וועלט מיט די אויגן, און אײדער ער איז געגאַנגען אהיים אויף „צעגלאַנע״, איז ער נאָך דורכגעלאָפן אַ פּאָר גאַסן אזוי זיך, אָן אַ ציל.

אײנמאָל אויף אַזאַ שפּאַציר אַרום דער יידישער געגנט, האָב איך, נישט קאָנענדיק פּשוט מיטהאַלטן זײַן שנעלן טראָט, אים געפרעגט, צי ער האָט עפּעס גויטיקס צו דערליידיקן. פרץ האָט מיר געענטפערט:

— נײן... דאָס לויף איך זען צי ס׳זײַנען טאַקע דאָ אַ סך יידן.. פאַר וועמען אהיימצוגײן ארבעטן... איך לויף, ווײַל ס׳איז נישטאָ קײן צײַט... איצט איז די צײַט מײַנע... נישט דער גמינעס...

* * *

פון אַרום פיר אַזײגער בײַטאָג האָט שוין פרצעס מיר נישט געשרוט, אַלץ האָט געצויגן צו דעם ליבן, געשמאַספולן ווינקל, וואָס

איז פול געווען מיט פּרצעס אָטעם — צו פּרצעס קאַבינעט. פּרצעס קאַבינעט איז צו יענער צייט געווען אפשר דאָס איינציקע צימער אין ווארשע וואָס האָט געהאַט אַ יידישן סטיל. נאָך צענדליקער בלאָנדזשעניש, קאָמבינירונגען האָט זיך פּרצן איינגעגעבן צו שאַפן אַ געדעכעניש פון אַ יידישן סטיל. נאָך יאָרן פון זוכן און זאַמלען קענגשטאַנדן, קליינעקייטן, נאָך צענדליקער מאָל איבערשטעלן דאָס מעבל און איבערהענגען די בילדער פון די יידישע מאָלער: מינקאָווסקי, הערמאַן שטרוק, קראַטקאָ און אנדערע, האָט זיך געשאַפן עפּעס אַ געמיט פון אַ האַרמאָנישן ווינקל, פון אַן אויסגעהאַלטענעם איינהייטלעכן כאראקטער, וואָס האָט געקאָנט זיין נאָר אַ יידישער.

ווי ביי אַ באַוווסטן דאָקטאָר אין די אויפנאַם־שעהען, האָבן זיך, צו דער צייט, צו פּרצעס טיר געצויגן, אַ הויך קאָלעגן שרייבער, אויך צענדליקער יונגעלייט, מיידלעך און גלאַט מענטשן פון פאַרשידענעם טיפּ. טייל מיט לאַנגע האָר און צעדרייטע קאַפּעלושן. סטודענטן, בחורים מיט לאַנגע קאַפּאָטעס, פּראָווינצער יידן מיט בערד. דאָס זיינען אַלץ געווען „פּאַציענטן", וואָס זיינען געווען געכאַפּט פון דער קראַנקהייט פון שרייבעכץ, מאָלעכץ, אָדער שפּילן טעאַטער.

מען מוז זאָגן, אַז אין יענע גאָלדענע טעג פון „צעגלאַנע" גומער איינס האָט די עפּידעמיע פון די אויסגערעכנטע קראַנקהייטן דערגרייכט די העכסטע מאָס. עס איז געווען אזוי צו זאָגן: דער רענעסאַנס אויף אַלע געביטן פונעם יידישן שאַפן.

עס זיינען געווען די יאָרן פונעם גרויסן, פּוילישן ראָמאַנטיזם, וואָס האָט זיך אויסגעגאָסן אין אַן עלעגיש געזאַנג. די גאַנצע פּוילישע קולטור האָט אויסגעוויינט אירע בענקשאַפטן אין אַ צוגעקלעמטן טאָן, וואָס האָט זיך איבערגעגעבן דעם יונגן, יידישן דור אין זיינע זוכענישן אויפן וועג פון קולטור און וועלטלעכקייט. די אַלע, וואָס זיינען געטריבן געוואָרן צו פּרצעס טיר, האָבן, פאַרשטייט זיך, בדעה געהאַט צו זיין פון גאָט געבענטשטע טאַלענטן, גרויסע שרייבער, מאָלער און אקטיאָרן, געווען זיינען דאָס אָבער צו מייסט: קרענקלעכע מאַניאַקעס, גראַפאָמאַנען, און גלאַט האַלבע משוגעים, מעלאַנכאָליקער און אַראָפּגעקראָכענע פון וועג.

גייער צו פּרצן האָבן שוין אין דער יידישער גאס געהאַט זייער טיפּישן אויסזען. מ'האָט זיי שוין געקאָנט דערקענען צוליב זייער הולך, צוליב די קוטשמעס האָר און צעדרייטע קאַפּעלושן. עס זיינען געווען די יאָרן נאָך דער גרויסער רעאַקציע, ווען די יונגעלייט וואָס האָבן זיך עטלעכע יאָר אַרומגעדרייט אַרום די צעגראַמירטע פּאַרטייען, האָבן נישט געהאַט מיט וואָס צו לעבן און האָבן געזוכט אַן אידעאַל אַרום דער ליטעראַטור אָדער קונסט, ביי עפּעס אַ ראָמאַנטיק, ווו עס האָט זיי געלאָקט די יום־טובדיקייט פון עפּעס אַ שעפערישער אַטמאָספער.

אָט די אַלע זיינען אָנגעלאָפן פון פאַרשידענע שיכטן און קלאַסן: פונעם רייכן שטאַנד און פון קעלער־שטובן, פון אַסימילאַטאָרישן און פון חסידישן שטאַנד. ישיבה־בחורים און סטודענטן — אַלע זיינען זיי געקומען צו פּרצן. מען איז געקומען מיט דעלעגאַציעס און אינדיווידועל, מען איז געקומען ווייזן שאַפונגען. די ערשטע וויזיטן זיינען געווען קורצע, פּרץ האָט זיי אויסגעהערט אַ פּאָר מינוט, זיך געהייסן עפּעס פאָרלעזן, אָדער אַליין אַ כאַפּ געטאָן עטלעכע שורות און אַרויסגעגעבן אַ דיאַגנאָזע.

עס איז שווער היינט איבערצוגעבן די כשופדיקע ווירקונג פון פּרצעס אַ וואָרט צו יענער צייט. די מאָראַלישע קראַפט פון פּרצעס משפּט איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז עס האָט געקאָנט געבן אַלעם, ד. ה. אין איין טאָג מאַכן פון אַ יונגנמאַן אַ באַרימטקייט, אָדער צונעמען אַלע האָפענונגען און אַראָפּוואַרפן אינעם פינצטערן קעלער פון רומלאָזיקייט. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס אַלץ וואָס מ'האָט צו יענער צייט געקאָנט באַקומען, איז געווען נאָר אַ מאָראַליש פאַרמעגן, וואָס האָט נישט געשטערט צוצוהונגערן און אַרומגיין מיט צעריסענע שיך. קיין ליטעראַרישע פּרעמיעס און סטיפּענדיעס האָט די יידישע ליטעראַטור נישט פאַרמאָגט. פּרץ האָט אָבער געהאַט אין זיך די קראַפט צוצובינדן אַ פּאָר פליגל, געבן האָפענונגען און גלויבן, אַזאַ גלויבן וואָס ער אַליין האָט געטראָגן אין זיך, אַז די ליטעראַטור איז אַ זאַך, פאַר וועלכע עס איז ווערט אָפּצוגעבן אַ לעבן. אין דער הינזיכט האָט פּרץ געהאַט אין זיך עפּעס נישט יידישעס, און עס איז צו יענער צייט געווען מערקווירדיק, פון וואַנען האָט דער זעכציקיעריקער ייד, וואָס איז אַרויסגעקומען פון דער סאַמע יידיש־בעלי־בתישער טיפעניש, גענומען אַזוי פיל פיעטעט פאַר קונסט? ווו האָט ער גענומען כוח און גלויבן אַרומצוגיין אַזוי

פיל יאָרן איבער דעם רעשיקן „גזשיבאָוו", אין דער פעסטונג פון יידישער תורה, געלט און האנדל, זינגענדיק דאָס געזאנג פון קונסט און פאָרם?...

אַחוץ דעם, וואָס די בעסטע יוגנט האָט געקלאפּט אין פּרצעס טיר, האָט י. ל. פּרץ נישט געהאַט קיין געדולד צו ווארטן ביז מען איז געקומען צו אים. אויף זיינע שפּאצירן האָט ער אויפגעכאפּט יונגע נשמות און זיי דערנענטערט צו זיך. ער האָט נישט געקאָנט רוען, ווען ער האָט דערזען אַ יונגנמאן מיט אַ פּאָר פיינע אויגן, אָדער אַן איידל געזיכט, וואָס האָט געטראָגן אויף זיך דעם שטעמפּל פון בעסערקייט. ער פלעגט אזעלכע ארייננווארפן עפּעס אַ שפּרוך, אַ וואָרט, גערופן זיי צו זיך, און גאנץ אָפט האָט אים זיין אינטואיציע נישט גענארט. עס זיינען אָבער אויך געווען פאלן, ווען ער האָט זיך פארבונדן מיט נודניקעס, מאַניאקעס, פון וועלכע עס איז שפּעטער געווען שווער זיך צו באפרייען.

מיט דער צייט איז פּרץ געווען אזוי באלאגערט פון איבעריקע געסט, אַז מען. האָט אים אויף קיין מינוט נישט געלאָזט אליין. דעמלט פלעגט ער אויפשטיין פארטאָג און אָפּכאפּן זיינע פּאָר שעה ארבעט, ווייל באַלד האָט ער געמוזט גיין אין דער גמינע. אָבער אויך דאָס האָט אים נישט אָפּגעשטעלט פון אנטקעגנלויפן יעדן פּראָווינצער יונגנמאן, וואָס האָט אָנגעקלונגען ביי דער טיר. ביי פּרצן איז דאָס געווען א נייגעריקייט פון אַ קינד. אונדזער גאָרטן פון געשמאַק און פיינקייט איז געווען אַזוי אָרעם און פאַרוואָרלאָזט, אַז פּרצן איז אויסגעקומען צו טון אליין די שווערסטע ארבעט, אזוי ווי יעדן ערלעכן גערטנער...

איינמאָל, אין אזא נאָכמיטאָג־שעה, ווען אלץ האָט געשטראָמט צו פּרצעס טיר, האָט עמעצער אָנגעקלאפּט אין איר. די דינסט האָט אזוי גיך נישט געעפנט, פּרץ איז געלאָפן אליין עפענען. עס איז געווען עפּעס אַ בחור פון דער פּראָווינץ, וואָס האָט אָנגעשריבן אַ לידל: צו „איר", וואָס האָט „בעקעלעך" און „לעקעלעך", פּרץ האָט אים „אָפּגעשחטן", און דער יונגערמאן איז אַוועק מיט אַ פארקרימטן שמייכל.

— ניין — האָט פּרץ געזאָגט — דער האָט גאָרנישט.. דער איז אַ גראפאָמאַן.. אָבער עס קאָן דאָך באַלד קומען אַ גאון...

און ער איז ווידער געלאָפן עפענען די טיר:

— איר פארשטייט? איך ווארט... עס מוז דאָך קומען דער גרויסער... דער אמתער, האָב איך נישט קיין געדולד צו ווארטן...

פונקט אזוי ווי די כעלמער יידן, וואָס כאַפּן זיך אַלע מאָל ארויס הינטער דער שטאָט אַ קוק טאָן, צי איז נישט אַמאָל געקומען משיח...

די געוויינלעכע פּראָצעדור פון אָנגענומען ווערן ביי פּרצן האָט געהאַט אין זיך עפּעס פון אַ גורל.

אין דעם פּרץ-קאַבינעט איז, ווי געוויינלעך, געמיטלעך און, ווי כ'האָב שוין פריער באַמערקט, ליגט אין דעם ווינקל עפּעס אויס-געזוכטעס, אָריגינעלס פון דעם שרייבטיש מיט דעם אַלטן גע-שטיקטן טישטוך, וואָס איז צונויפגעשטעלט פון עפּעס אַ יידיש געוועב, ווי אַ פּרוכת, באַשטעלט מיט אַלטע יידישע זילבערנע בעכערס, בשמים-ביקסן, זילבערנע לייכטער און ווייסע ליכט, ביז דעם אַש-בעכער. פּרץ ליגט אויף זיין סאָפע. עס הערט זיך אַ קלונג ביי דער טיר, אַ שטילער, אומדרייסטער קלאַפּ. פּרץ שרייט מיט זיין האַרטער קנאַקעדיקער שטים:

— אַריין!

אויף דער שוועל בלייבט שטיין אַ דערשראָקענער יונגערמאַן. פּרץ הויבט זיך אויף. זיין געשמאַק זאַפטיק מויל אונטער די שווע-רע, פּוילישע וואָנסן איז האַלב אָפן און צעשמייכלט. די שטענדיקע עטלעכע געסט מיט דעם אַלטן יעקב דינעזאָן בראש, וואַרטן אויף דעם פּסק.

— וואָס וועט איר זאָגן? — פרעגט פּרץ.

— כ'וואָלט געוואָלט ווייזן אַ ליד.

— און קיין פּראָזע שרייבט איר נישט?

— איך שרייב פּראָזע אויך...

— רעדט העכער... ווייזט מיר בעסער פּראָזע...

פּרץ האָט פיינט ווען מען רעדט נישט הויך און דייטלעך.

דער יונגערמאַן נעמט ארויס עטלעכע בייגעלעך פּאַפּיר. פּרץ כאַפּט עס אים פון דער האַנט אַרויס:

— וואָס שרייבט איר אזוי שפּיציק?.. נאָך וואָס ציקלט איר?.. וואָס זענט איר, אַ בוכהאַלטער?... ער טוט אָן די האַלבע ברילן און לויפט דורך די ערשטע שורות:

— ווי איז אייער פאַמיליע-נאָמען?

ביי פּרצן האָט אויך געשפּילט אַ ראָלע דער פאַמיליע-נאָמען פון אַ שרייבער. ער האָט געהאַלטן, אַז אַ מענטש וואָס טראָגט אַן אויסגעדראָשענעם פאַמיליע-נאָמען קאָן נישט האָבן קיין טאַ-לענט. דעם יונגנמאַנס פאַמיליע האָט, זעט אויס, געמאַכט אַ

שלעכטן איינדרוק. דאָס זעט מען שוין אויף פרצעס געזיכט. זיינע וואַנגען האָבן אויפגעהערט שמייכלען, און זיינע וואַרעמער קלינגען פרוקן און פרעמד:

— זעצט אייך און לייענט...

דער יונגערמאַן הויבט אָן מיט אַ בלייך, פאַרבלאָזן קול. נאָך עטלעכע שורות שטעלט אים פרץ אָפּ:

— גענוג... איר האָט נישט קיין טאַלענט... איר דאַרפט נישט שרייבן.. מיט וואָס האַנדלט אייער פאָטער?...

— מיין פאָטער האָט אַ געשעפט.

— און נישט מער... אַ שאָד... ווען אין אייער שטוב וואָלט געווען ארבעט.. ווען אייער פאָטער זאָל זיין אַ שוסטער, אַ שניי-דער... וואָלט געווען ארבעט... אָרעמקייט... קאַמף פאַרן ברויט, אָדער וואָלט געווען פרומקייט... אַ גאָט... אָבער אַ געוועלבל... איר האָט נישט וואָס צו דערציילן... איר וועט אויך האָבן אַ געשעפט...

דער יונגערמאַן איז נעשחטן. ביי אַזאַ שחיטה איז געווען אַ ביסל פריקרע צו זיין אַנוועזנד. דער יונגערמאַן האָט צונויפגע-נומען זיינע פאַפירלעך און גענומען זוכן אַ נאָגטן וועג צו דער טיר. עס איז געוואָרן אומהיימלעך — שטיל. אויך פרץ, וואָס איז בטבע געווען אַ פריינטלעכער מענטש, איז דערביי בלאס געוואָרן, און זיינע וואַנגען האָבן אויפגעשפילט מיט אַ דינעם ציטער פון אומבאַקוועמען געפיל. אָבער שטענדיק אין אזעלכע מאָמענטן האָט זיך געפונען ביי דער זייט דער אַלטער יעקב דינעזאָן, וואָס האָט זיך שטיל מיט זיינע קינדערישע טריטלעך צוגעשאַרט צו דעם גע-שחטענעם און אים שטיל אַ זאָג געטאָן:

— גייט אַהיים, שרייבט אָן אַנדערע זאַכן... אפשר וועלן זיי זיין בעסער...

דערנאָך פלעגט זיך פרץ פאַרענטפערן און זיך שפאַרן מיט דינעזאָנען:

— מען טאָר נישט אין די פאַלן זיין מילד... מען מוז אָפּשניידן מיטאַמאָל... ווען נישט, צעברעכט מען יענעם דאָס לעבן... ביי לי-טעראַטור דאַרף מען צו אָנפאַנגער נישט זיין קיין מאַמע, נאָר אַ — טאַטע... אַ מאַמע פאַרדעקט די שלעכטע געגנ פונעם קינד און טייגט, אַז זי טוט אים אַ טובה... בעסער געבן אַ רייגעם שניט, וואָס טוט וויי, איידער פאַרבינדן מיט אַ ווייס מאַמע-טיכל אַן אומ-ריינעם בלאָטער...

אָט די שטרענגקייט האָט פרץ ארויסגעוויזן בנוגע ליטעראַ-

מור, דאקעגן, אין דער באציונג צו טעאַטער האָט ער געהאַט אַ סך מער געדולד. נאָך זיינע שטורעמדיקע פּאַמפּלעטן און אַרויסטרעטונגען קעגן דעם אַלטן דייטשמערישן שונד־טעאַטער, האָבן זיך אַלאָז געטון צו אים פאַרשידענע „דעקלאַמירער" און דראַמאַטישע גרופּעס... צו זיי האָט פּרץ אַרויסגעוויזן אַ סך סבלנות. ווי עס זעט אויס איז פּרצעס בענקשאַפט נאָך אַ ריין טעאַטער־ווינקל, וווּ דאָס יידישע וואָרט זאָל אַרויסגעטראָגן ווערן מיט קינסטלערישער ווירדע, געווען זייער שטאַרק.

ער האָט אַוודאי געחלומט צו זען זיינע קורצע סצענישע שאַפונגען, וואָס טראָגן אַן איידעלע קאַמעראַלע פאָרם, אויף אַ ריינער קולטור־בינע. עס איז געווען אַ צייט, ווען פּרץ האָט פּשוט פון דער גאַס און פונעם וואַרשעווער „זאַקסישן גאָרטן" אין שבת־טעג אַרויסגעכאַפּט יינגלעך און מיידלעך פון די אַרבעטער־קרייזן, פאַרשלעפּט זיי צו זיך אין שטוב אַריין, אויסגעזוכט פּגימער, וואָס האָבן געטראָגן אויף זיך אַ ווערלכן ס'איז שטעמפּל פון גייסט, און זיי אינספּירירט, אָנגעצונדן זיי מיט דעם גלויבן, אַז אויף זיי ליגט דער חוב צו שאַפן דאָס נייע יידישע טעאַטער, וואָס זאָל זיין, ווי ביי אַלע פעלקער, אַ טעמפּל פון אַ גייסטיק פאַרמעגן.

אזוי איז געווען אַ צייט, ווען אין די שבתים האָט י. ל. פּרץ צונויפגערופן צו זיך אין שטוב יונגעלייט און מיידלעך פון די יידישע גאַסן, און נישט איינמאָל האָט מען געקאָנט טרעפן אַ פּולע שטוב פרעמדע מענטשן און פּרצן אינדערמיט אין דער ראָל פון אַ רעזשיסער.

ער האָט געשטראַלט, הערנדיק ווי אַ היסטעריש מיידל האָט נערעדט די דראַמאַטישע פראַזע:

— מיר וועלן ווייזן אַ מוסטער, ווי אזוי אַ יידיש טעאַטער דאַרף געשאַפן ווערן...

דער סקעפּטישער נאָמבערג האָט, קוקנדיק מיט זיין אומעטיק פאַרטראָגענעם בליק, געזאָגט צו פּרצן:

— וואָס טויגן אייך די אַלע נודניקעס, מאַניאַקעס, טאַלענטלאָזיקייטן?..

פּרץ האָט אים שטרענג געענטפערט:

— מען טאָר נישט אויפהערן זוכן, נאָמבערג... מען מוז זוכן אין מיסט, אין זאמד, ביז וואַנען מען וועט געפינען אַ פּערל...

און פּרץ האָט געזוכט.

# י. ל. פּרץ און די ליטוואַקעס

די יונגע, וואָס האָבן פּרצן אַרומגערינגלט, האָבן אין די יאָרן טויזנט ניין הונדערט ניין, טויזנט ניין הונדערט צען צווישן זיך געהאַט אַ געוויסע עטנאָגראַפיש-טאָפּאָגראַפישע נאָענטקייט אין זייער אָפּשטאַמונג ווי אויך אין זייער אַרט עלעגיש-ראָמאַנטישן אויפגעמען, וואָס האָט זיך זיי איבערגעגעבן פון דער פוילישער ראָמאַנטיש-רעטאָרישער פאַראַנלאַגע.

דער צופאַל, וואָס צווישן דער גאַנצער פּלעיאַדע יונגע פּראָזאיקער איז נישט געווען קיין איינער, וואָס זאָל שטאַמען פון די ליטווישע געביטן, איז געוואָרן סימפּטאָמאַטיש. ביי פּרצן איז אַרויסגעשווומען די פראַגע: צי איז אַ ליטוואַק איבערהויפּט פעיק צו פאַרנעמען אַ וועלכעס ס'איז אָרט אין דער בעלעטריסטיק.

די טענות, וואָס פּרץ האָט געהאַט צו די ליטוואַקעס, איז געווען אַ פראַגע פון סטיל. י. ל. פּרצן, אַזוי ווי פיל פוילישע יידן, האָט דאָס ליטווישע זיך פאַרגעשטעלט: שמאָל, גראָ, פאַרבלאָזן און אָרעם. דאָס זיינען אַלץ געווען חסרונות, פרעמדע פאַר פּרצעס גייסט.

טיילוויז איז דאָס אויך געווען דער רעזולטאַט פון אַ לאַנגאייטנגעוואָרצלטער פאָרשטעלונג וועגן דעם „ליטוואַק”, אַ פאָרשטעלונג, וואָס האָט זיך אַריינגעגראָבן אין דער פּסיכיק פון דעם גאַנצן פּוילישן יידנטום. די פּוילישע יידן האָבן געזען אין דעם ליטוואַק — דעם אָרעמען, הונגעריקן, אָן־השגחהדיקן מענטש. עפּעס אַן אייביקן כּובלאָקאַטאָר אויף דער וועלט, אַ טרוקענעם מענטש מיט באַשרענקטע פאַרלאַנגען.

י. ל. פרץ האָט עס געווים גענומען אַ ביסל ברייטער, ווי דער דורכשניטלעכער פוילישער ייד, דער באַלעבאָס. פרץ האָט זיינע טענות צום ליטוואק אָנגעווענדט נאָר אין באצוג צו דער שיינער ליטעראטור. ער האָט נעמלעך נישט געגלויבט, אז אַ ליטוואק קאָן פאַרמאָגן אַ רייכע פארבן־פאַליטרע מיט אַ ברייטן שילדערונגסשטריך.

עס איז נישט דאָ דאָס אָרט צו משפטן, אויף וויפל פרץ איז געווען גערעכט. איך וויל דאָ נאָר איבערגעבן די באציונג, וואָס י. ל. פרץ האָט געהאַט צו די ליטוואקעס, וואָס האָבן זיך געפונען אין דער ליטעראַרישער משפחה. כאראקטעריסטיש איז, אז ליטוואקעס האָט מען געקאָנט געפינען נאָר אין דער קריטיק, אָדער אין דער פובליציסטיק. זעלטן ווען עס האָט זיך באוויזן אַ ליטווישער יונגערמאן, וואָס זאָל שרייבן אין אַ בעלעטריסטישער פאָרם.

די הויפט־טענה, וואָס פרץ האָט געהאַט צו די ליטוואקעס, איז געווען בנוגע זייער שפראַך. ער האָט אָרגאניש נישט געקאָנט פאַרטראָגן דעם ליטווישן דיאלעקט, נישט ווען מען האָט גערעדט מיטן „סין”, נישט מיט „שין”. איינמאָל ווען ביי פרצן איז געווען צו גאסט אַן אָנגעזעענער ליטוואק, וואָס האָט געוואָלט פרצן איבערציינגן, אַז דער ליטווישער דיאלעקט איז דער סאמע געזעצלעכער, האָט פרץ אויסגעשריגן:

— ביי אייך גייט דאָך יעדעס יידיש וואָרט אָנגעטאָן אין אַ פּאָר טיפּע קאלאָשן... צום ביישפּיל: „לאָזט מיך אָפּעט”, „לאָזט אַריינגעט”, „בויגט זיך אָנעט”... צי הערט איר נישט ווי עס כלופּשען די קאלאָשן נאָך יעדן וואָרט?...

* * *

עס איז אָבער דאָך געקומען אַן ענדערונג אין פּרצעס באציאונג צו די ליטווישע „קאָמפּעניטשן”. מען קאָן די ענדערונג באַטראַכטן ווי אַ רעזולטאַט דערפון, וואָס פּרץ האָט אָנגעטראָפן אַ גרויסן רוחק אין עלעמענטארסטער בילדונג גראָד צווישן די פּוילישע יונגעלייט, וועלכע ער האָט געהאלטן פאר באַרופן צו ליטעראטור, האקעגן, ווען עס האָט זיך באוויזן אַ יונגערמאַן פון ליטע, האָט ער דאָך פאַרמאָגט אַ וועלכע עס איז סומע פון וועלטלעכער בילדונג. דערפון האָט זיך גענומען וואָס פּרץ האָט צו יענער צייט איינגעריסן מיט אַ גאַנצער ריי יונגע שרייבער. דערצו האָט אויך

גורם געווען דאָס, וואָס די פרעסע, וועלכע איז צו יענער צייט גע־לעגן דורכוים אין ליטווישע הענט, האָט זיך אָנגעהויבן אנטוויקלט; און קומען צו דער מאכט אין דער יידישער גאס. דער גרויסער דראַנג פון דעם שרייבער צו רעדן צו דער ברייטער מאַסע האָט אויך פרצן אַ שלעפּ געטאָן צו דער צייטונג. אָרום פרצן האָבן זיך אָנגהויבן גרופּירן מענטשן אנדערע, מיט אנדערע אינטערעסן. די ליטעראַטור האָט אָנגעווירן איר קאמעראַלן כאראקטער, און עס איז פאַרשוואונדן איר שימער פון יום־טוב. און נאָר זיין אייביקער לייב־פריינט, דער אלטער יעקב דינעזאָן, איז פארבליבן אין פרצעס ארבעטס־צימער ווי אַ אַמבאַסאַדאָר פון דער שרייבער־משפּחה. די צעזייטע און צעשפּרייטע איבער די ווארשעווער גאסן יונגע „באַ־העם“, די באפליגלטע פון פרצן, מיט די חלומות צו שאפן גרויסע ווערק, האָט זיך אָפּגערוקט.

די יונגע ווארשעווער שרייבער האָבן דעמלט פאַרגעוואָרפן פרצן, אז ער האָט זיך געלאָזט פארכאפּן פון די „ליטוואַקעס“, וואָס כ׳איז געווען אַ גענוג נאיווע באצייכענונג, ווייל צו יענער צייט איז ביי דער יונגער „באָהעם“, איבערהויפּט יעדע זאכלעכע באציונג צו עפּעס, וואָס האָט נישט געהאַט צו טאָן מיט שיינער ליטעראַ־טור, באצייכנט געוואָרן אלס „ליטווישקייט“.

* * *

אַ קליינער אַנעקדאָט פון יענער צייט, אומגעפער אַ יאָר פאר פרצעס טויט. ביי דער גרופּע יונגע ווארשעווער שרייבער, וואָס איז שוין זעלטן זיך צונויפגעקומען אין פרצעס שטוב, האָט זיך אָנגעקליבן אַ פראָטעסט און אַ פארדראָס, וואָס פרץ האָט זיך פון זיי דערווייטערט. דאָס איז זיכער געווען אַ געפיל פון בענקשאפט נאָך די יום־טובדיקע פרץ־שעהן, וואָס זיינען פארשוואונדן. און איינ־מאָל אין אַ אָוונט האָבן זיך אלע צונויפגענומען אויף אַ בארַאטונג. עס זיינען געהאלטן געוואָרן רעדעס מיט פראָטעסטן קעגן פרצן, וואָס האָט זיך פארפרעמדט פון דער משפּחה און זיך ארומגע־רינגלט מיט טרוקענע פובליציסטן, ליטוואַקעס.

יעדער האָט ארויסגעזאָגט זיינע טענות צו פרצן, מען האָט אָנגענומען רעזאָלוציעס, מען האָט אפילו אויפגעשריבן אַ „מעמאָ־ראנדום“.

נאָך אַ גלעזל וויין איז מען געוואָרן זייער געהויבן און פול מיט קוראזש, און אזוי ווי מען שטייט און מען גייט איז מען אוועק

צו פרצן ארויסזאָגן אַלץ, מיט וואָס דאָס האַרץ איז פול. מיט רעש און געפילדער האָט מען זיך געלאָזט צו פּרצעס וווינונג אויף דער יערוזאַלימער אַלייע, ווו ער האָט צו לעצט געוווינט. יעדער האָט פאַרזיכערט, אַז ער האָט נישט קיין מורא, און ער וועט זאָגן פּרצן אַלץ אין די אויגן. אַזוי האָט מען זיך אַריינגעלאָזט אין דעם טויער, ווו י. ל. פּרץ האָט געוווינט.

נאָר דאָ איז געשען אַ קליינקייט. פון דער טונקלקייט פון טויער האָט זיך באַוויזן י. ל. פּרץ אַליין. אַלע זיינען שטיין געבליבן שטומע אָן אַ וואָרט.

— וווהין גייט איר עס אַלע? — האָט פּרץ געפרעגט.

— צו אייך. — האָבן עטלעכע געענטפערט.

— וואָס ווילט איר?

אַ מינוט איז געווען שטיל, דערנאָך האָבן זיך עטלעכע שטימען אָנגערופן:

— מיר זיינען אייך געקומען זאָגן...

— אַז וואָס? — האָט שוין פּרץ אויפגעהויבן זיין שטים.

— אַז.. אַז מיר... מיר בענקען נאָך אייך...

און אַ יונג, פריילעך געלעכטער פול מיט ליבע און האָפענונגען האָט אַרומגערינגלט פּרצן.



ה. ד. נאַמבערג אין יאָר 1928

# הערש דוד נאָמבערג

## שטריכן צו אַ פּאָרטרעט

הערש דוד נאָמבערג, ווי יעדער יידישער שרייבער פון דער פּרץ־פּעריאָדע, האָט איבערגעלעבט צוויי אָפּשניטן, צוויי ערעס אין דער צייט־צייִלונג פון אונדזער יידיש־וועלטלעכער קולטור.

דאָס געוויטער פון דעם וועלטלעכן פרילינג האָט אָנגעקלאַפּט אין זיין פענצטער און אים ארויסגערופן צו דער יידישער גאַס, ווו עס האָט זיך שוין געטראָגן דאָס ברייט־צעוויגטע בלעטער־גערויש פון דער השכלה, וועלכע איז ארויס פון דעם נאַיוון, קינדער־רישן פּלאַפּל און האָט שוין אָנגעהויבן רעדן וועגן דער וועלט מיט גאַנצע, געזעצלעכע זאַצן.

ה. ד. נאָמבערג איז געווען איינער פון די ערשטע, וואָס האָט מיט אָט דער רייף־געוואָרענער יידישער שפּראַך אָנגעהויבן רעדן וועגן דער וועלט.

די וועלט זיינע איז געווען אַ יידישע, אָבער נישט קיין פאַר־מאַכטע, קיין געטאָ־וועלט, ווי ביי אַנדערע אונדזערע גייסטער, געקומענע פון אַ סכאָלאַסטישער קולטור. נאָמבערג איז ביי אונדז פון די גייסטער, וואָס האָבן זיך אויפגעהויבן העכער פון דער נעסט, וואָס האָט זיי געגעבן די מעגלעכקייט אַריבערצוקוקן איבער דעם פּלויט צו אַנדערע. ער האָט געזוכט חכמה און דערפאַרונג ביי אַנדערע קולטורן, אָבער ער האָט זיי גוט און ריכטיק פאַרדייט.

אָט דער גייגיר און הונגער צו דערקענען, האָט אים אין אַ געוויסער צייט אַביסל פאַרפרעמדט צו זיין דור און דער סביבה פון זיין דערציונג.

ה. ד. נאָמבערג איז אַנטלאָפן פון דער אַלטער, פרומער, שטרענגער, יידישער וועלט אַזוי ווי ער איז געשטאַנען, נישט מיט־נעמענדיק גאָרנישט, אפילו נישט קיין — סענטימענט. ער איז

געלאָפן מיט אַזאַ אימפּעט, וואָס האָט אים פאַרטראָגן ווייט, אַ סך ווייטער ווי עס איז נייטיק געווען.

עס איז מיר פאַרבליבן אין זכרון אַ קלייגער, אָבער זייער כאַראַקטעריסטישער עפּיזאָד, וועלכן נאָמבערג האָט מיר אַליין דערציילט וועגן זיך, ווי אַזוי ער איז נאָך אַלס חסידישער יונגערמאַן אַנטלאָפן פונעם שטעטל, פונעם ווייב און פרומע שווער און שוויגער, ביי וועלכע ער, דער עילוי, איז געזעסן אויף קעסט.

אין אַ לאַנגער קאַפּאָטע, מיט אַ בערדל און פּיאות, אַזוי ווי ער איז געשטאַנען און געגאַנגען, איז ער אַריין אין ווארשע.

אַן אָנגעלייענטער מיט הונדערטער פּוילישע און רוסישע ביכער, איז ער שוין באַלד דעם ערשטן פרייטיק־צו־נאַכטס, מיט דעם גאַנצן אימפּעט פון זיין רעוואָלט, אַרויס אויף די סאַמע גאַלעווקעס מיט אַ פּאַפּיראָס אין מויל.

ס'איז נישט שווער זיך פאָרצושטעלן די רעאַקציע, וואָס דאָס בילד האָט אַרויסגערופן מיט אַ יאָר פופציק צוריק אין דער פרומער, יידישער גאַס. די איינציקע פאַרענטפערונג פאַר אַזאַ יונגנמאַן מיט אַ לאַנגער קאַפּאָטע און פּיאות, האָט געקאָנט זיין נאָר, אַז ער איז משוגע געוואָרן.

נאָמבערג איז אָבער נישט געווען משוגע. פאַרקערט, ער האָט געהאַלטן, אַז די גאַלעוועקער יידן זיינען נישט נאָרמאַל. און פּלוצלינג האָבן די גאַלעוועקער יידן דערהערט ווי דער חסידישער יונגערמאַן שרייט אויף רוסיש:

— „יא קרעשטשאָנגי יעווריי... יאַ וואָס זאַביערו וו'אוטשאַסטאָק"... (איך בין אַ געשמדטער ייד, איך וועל אייך אַלע ארעסטירן).

נאָמבערג האָט מיר אויסגעטייטשט, אַז דעמלט, אין זיין ערשטן נאַייוון דראַנג צו דער גרויסער וועלט, איז געווען אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט, אַז ס'איז גענוג צו זיין אַ משומד, מען זאָל האָבן די רעכט און דעם כוח איינצוזעצן די יידן אין „אוטשאַסטאָק".

אַחוץ אָבער נאָמבערגס אויסטייטשונג איז אין דעם קליינעם עפּיזאָד דאָ נאָך אַ טיפערער פּסיכאָלאָגישער מאָמענט, דאָס נעמלעך, וואָס נאָמבערג האָט געחלומט צו באַזיצן וועלכע עס איז מאַכט. דאָס איז אויך געווען אַ פּסיכישער רעפלעקס פון זיין פיזישער באַשרענקטקייט, זיין יידישלעך־שוואַכע, קערפּערלעכע קאָנסטיטוציע. אַ טיפּישער פאָרשטייער פון דעם יידישן קלער, פון

די, וואָס האָבן דורותוויז, דאכט זיך, זיך גענערט מיט די סבאָ־לאסטישע שמות פון אַן אבסטראַקטער וועלט. און נאָר אין די נאָמבערג־אויגן, וואָס האָבן אזוי דערמאָנט אין די אויגן פון שוואכע, יידישע קינדער — גרויסע און טריבע, פון אַ בלייך־בלויער פאַרב — אין די נאָמבערג־אויגן, וואָס האָבן דערמאָנט אין די פענצטער פון אַ בית־מדרש, האָט געבלינצלט מיט אַ בלייבער, ווארעמער ליכט אַ פּלעמל פון נישט־אויסגע־לעבטע באַגערן, נישט געדעקטע פון קיין ערדישע כוחות.

* * *

איך האָב געזאָגט „ערדישע כוחות" און דערביי מיך דער־מאָנט מיט וואָס פאַר אַן אויסערגעוויינלעכן אינטערעס נאָמבערג האָט ליב געהאַט צו רעדן וועגן — ערד.

נאָמבערג איז קיינמאָל נישט געווען קיין ציוניסט און האָט זיך, דאכט זיך, אין פארלויף פון זיין לעבן און זיין שאפן קיינמאָל נישט דערנענטערט צו קיין ציוניסטישן לאגער.

אויף זיין אַרט, נאָך אַ מינוט פאַרקלערן זיך, האָט ער מיר אַמאָל פּלוצלינג געזאָגט:

— כ'ווייס נישט פארוואָס... ציוניסטן זיינען עפּעס נישט מיי־נע מענטשן... ס'איז עפּעס פאר מיר נישט קיין יידישע זאך...

אַ צווייט מאָל האָב איך געהערט פון אים...

— אַ שאָד... די ציוניסטן האָבן וואזשנע מענטשן... נאָר זיי דארפן אַן אַנדער פאָלק... נישט אונדזער יידישקייט...

צוריקקומענדיק פון זיינע רייזעס האָט נאָמבערג שעהנווייז מיט פייער גערעדט וועגן ערד. ער האָט געטראָגן אויפן קאָפּ צי־פערן, אויסמעסטונגען און טאבעלן, רשימות פון אלטע, שוין פאַר־געסענע באוועגונגען און אקציעס צו באזעצן יידן אויף ערד, ווי אין ארגענטינע. ער האָט אויך אויסגעמאָסטן די יידישע דערפער אין קרים, וווּ יידן זיינען געזעסן אויף ערד. ער איז געפאָרן קיין פּאַלעסטינע. ער האָט ליב געהאַט צו רעדן וועגן ערד מיט פאכ־מענישע טערמינען, וועגן אקערן, וועגן זייען און שניידן. דאָס האָט זיך מאָדנע אסאָציאירט מיט זיין קליינעם, קינדערישן גוף, און איך געדענק ווי דער יידישער הומאָריסט טונקעלער האָט אַמאָל, הערנדיק ווי נאָמבערג רעדט מיט אזא באהאַוונטקייט וועגן ערד, זיך געווענדט צו אים:

— איר, נאָמבערג, מוזט שטאַמען פון אלטע ערד־באזיצער... מע זעט, אז דער ענין ערד איז אייך נאָענט...

ה. ד. נאָמבערג האָט אויף אים אַ קוק געטאָן מיט זיין בלייכן שמייכל. ער האָט פאַרשטאַנען טונקעלערס איראָניע און אים גע־ענטפערט פאַרקלערט:

— מען קאָן קיינמאָל נישט וויסן פון וואַנען מען שטאַמט... יעדנפאַלס נישט פון הימל...

אָט דער לעבהאַפטער אינטערעס נאָמבערגס צו ערד איז אויך געווען ביי אים איינע פון זיינע בענקשאַפטן זיך צו באהעפטן מיט עפּעס אַ כוח, אַ גרויסן און אַן אייביקן...

* * *

ה. ד. נאָמבערג איז געווען זייער נאַטירלעך. ער האָט נישט געוווּסט פון קיין פּאָזע, נישט אין זיינע גענג, נישט אין זיין פעדער.

אים האָט זיך געשריבן שווער, ווייל ער איז נישט געווען קיין פּובליציסט, ביי וועלכן עס אַרבעט זיך מיט דער צייט אויס אַ קלישע, אַ טראַפאַרעט, אַ באַשטימטער רעצעפּט.

נאָמבערג איז געווען אַ בעלעטריסט, אָבער אָן דער לילער פּרעפּאַרירטער פאַרב, מיט וועלכער פיל שרייבער פאַרשמירן די לײדיקע ערטער — דאָרט, וווּ עס פעלט אַ באַגריף, אָדער אַ לע־בעדיקער אבר.

נאָמבערג האָט נישט געוווּסט פון קיין זאַך, וואָס זאָל נישט האָבן אין זיך קיין קערן פון אַ געדאַנק. אויך זיין בעלעטריסטיק איז פון שורה צו שורה אָנגעטיקשעט מיט קערנער פון פּראָבלעמען און לייזונגען. ער איז געווען ריין פון יענער סטאַנדאַרטער, ליטע־ראַרישער פּראָדוקציע, אונטער וועלכער עס ליגן צומאָל אָנגעזע־ענע שרייבער. דערפאַר איז אים שווער געווען צו שרייבן.

כדי צו שרייבן האָט נאָמבערג געדאַרפט האָבן יענע זעלטענע און טייערע סובסטאַנץ, וואָס זאַמלט זיך טראָפּנווייז און קומט פון דער סאמע טיפעניש, פונעם מענטשלעכן מוח.

צי איז נאָמבערג געווען פון דער ריינער ראַסע קינסטלער אין זיין בעלעטריסטיק? ס'איז די זעלבע פראַגע: וואָס איז מער: האָבן אַ שיינע שטימע, אָדער קאָנען זינגען?

עס איז שווער צו באַצייכענען, צי האָט נאָמבערג געהאַט אַ שיינע שטימע; אָבער אַז ער האָט געקאָנט זינגען — וועגן דעם איז נישטאָ קיין צווייפל.

* * *

ווי יעדער אָנגעזעענער שרייבער ביי אונדז, איז אויך ה. ד.

נאָמבערג באקלעבט געוואָרן מיט אַן עטיקעט פון אַ געוויסער פּסיידאָ=געזעלשאפטלעכער איינשטעלונג.

דער אַוואַנגאַרד פון דער אידעאָלאָגיש=קעמפנדיקער אינטעליגענץ אויף דער יידישער גאס האָט באדארפט טרייב=מאטעריאַל פאַר זיינע פּאָליטיש = געזעלשאפטלעכע מאשינען און האָט זיך אָפּט צוגעאייגנט ביי שרייבער צופעליקע שאַפונגען, ווי, צום ביישפיל, דעם צופעליקן, נישט כאַראַקטעריסטישן פאַר פּרצן, משכילישן פעליעטאָן „באַנציע שוויג“, וועלכער איז, צוליב געוויסע אויסטייטשונגען, געוואָרן דער מוסטער פון פּרצעס שאַפן, פארשטעלענדיק מיט זיך צענדליקער קינסטלערישע און טיפע ווערק, וועגן וועלכע עס איז לאנג נישט דערמאָנט געוואָרן. פונקט ווי די רוסישע פּראָגרעסיווע אינטעליגענץ האָט צוליב די זעלבע צילן אויסגעטיילט דעם פאמפלעט אויף דעם רוסישן, דעגענערירטן „פּאָמיעשטשיק” אָבלאָמאָוו, וועלכן גאָנטשאַראָוו האָט אָנגעשריבן אין דער פאָרם פון שאַרזש, און דאָס האָט אים פארשטעלט אַ צייט זיינע וווּנדערבארע ראָמאנען, ווי: „אָבריוו” און אנדערע ווערק, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט.

אַזוי אויך איז אונטערגעכאפּט געוואָרן נאָמבערגס „פליגלמאן”, און מען האָט געשאפן דערפון אַ שיטה. דער אַזוי=גערופענער „פליגלמאניזם” האָט פארשטעלט מיט זיך די פּרעכטיקע דערציילונג „צווישן בערג“, וווּ עס איז דאָ אַזויפיל הויך געמיט, אַזוי פיל יידישע בענקשאפט נאָך הויכע, שטאַרקע ליבע=געפילן.

אין דער אמתן איז פליגלמאן אַ שארזש, אַ נישט=דערפירטער פּרווו צו קאַריקאַטוריזירן די יידישע אָרעמקייט פון פּאָרעם, די מיזערנעקייט פון דעם יידישן אינטעליגענט צו יענער צייט אלס פּאַרטנער אין דער ליבע: אַ מאן, וואָס הערשט נישט, נישט אין זיין לאנד, נישט אין זיין שטוב, נישט ביי זיין אמט און נישט ביי זער — פרוי.

* * *

נאָמבערגס פּעסימיזם, נאָמבערגס נישט וועלן גלויבן אין קיין פארהוילענע כוחות, אין קיין מיראַזשן פון וועלכער עס איז „העכערער קראַפט”, קעגן וועלכער דער מענטשלעכער מוח זאָל מוזן רעזיגנירן און שפאנען בלינד איבער די מעטאפיזישע פעלדער פון דעם נישט באוווסטן — האָט נישט געהאַט אין זיך די פארשטאַרטקייט פון טויט.

עס איז אויך נישט געווען דער פינצטערער פּעסימיזם, וואָס

באַשטייט פון בלויז חשכות, נאָך װעלכן עס װילט זיך װאַשן די הענט, װי נאָך אַ מת.

נאָמבערגס פּעסימיזם איז געװען אַ דיסקרעטע, זעלטזאַמע ליבע, װעלכע האָט דורכגעליכטן אַלטע, אַנגענומענע און איינגע־װעבטע אין ידרימל דעפיניציעס, דורכגעליכטן, װי אַ רענטגען, דורך און דורך, און אָנגעװיזן, אַז דאָרט, װו עס זיצט אַן אַלטער, איינגעזעסענער אמת, זיצט גאָר אַ — ראַק, װאָס מוז אויסגעשניטן װערן.

דאָס איז נישט דער פּעסימיזם פון באַקלאָגן זיך דערויף, װאָס אַלץ איז אַזוי, װי עס איז; נאָמבערג האָט פאַרמאָגט דעם פּעסי־מיזם פון טויזנטער פאַרבן, װאָס האָבן געשפּילט און געבישופּט. ער האָט פאַרמאָגט דעם פריידיקן אומעט, װעלכער גיט געגום; דעם האַלב־טונקל פון אומעט, װאָס עס האָט דער געדעמפּטער פידל אונטער אַ „סורדינקע".

* * *

מיר רעדן נאָך אַלץ װעגן ה. ד. נאָמבערגן אין דעם ערשטן אָפּשניט, אין דער ערשטער, מען קאָן זאָגן, ראָמאַנטישער ערע פון זיין ליטעראַרישן װעג; נאָך אין דער פריץ־אַטמאָספער, װעלכע איז דורכגעריסן געװאָרן דורך דער ערשטער װעלט־מלחמה.

אויך אין יענער אַטמאָספער פון דער רעװאָלוציאָנערער ראָ־מאַנטיק אויף דער יידישער גאַס איז נאָמבערג געװען איינער פון די אַפּאַסטאָלן. ער האָט אין דעם פרייהייטס־אָרקעסטער גע־שפּילט אויף עפּעס אַ זעלטזאַמען אינסטרומענט, װי אַ פאַגאָט, אָדער האָרן, װאָס האָט געלאַכט און געװיינט, װי דער „כאַבליק" אין דער טיפעניש פון װאַלד.

ה. ד. נאָמבערג מיט זיין ליטעראַטור און מיט זיין פּערזענלעכן לעבן איז געװען דער סינאָנים פון אַבסאָלוטער פרייהייט. צוזאַמען מיט דער גרויסער עלעגיע פון באַפרייטן געפיל איז אויך צו יענער צייט געקומען די גרויסע אַמפּערניש איבער דעם אייביקן רעטע־ניש — די פרוי.

אויך נאָמבערג איז טיילװייז אַריינגעשלעפּט געװאָרן אין דער שפּיל. אָבער גיך האָט נאָמבערג דורכגעברענט מיט זיין רענטגען־פאַרשטאַנד דאָס סודותפולע פּראָבלעם און געענטפערט מיט זיין מייסטעריש ליד:

„אוי װיי, באַבא, אוי, אוי..."

ער האָט זיך נישט אָװעקגעזעצט װיינען דערויף, װאָס די פרוי

איז אַזוי און נישט אנדערש, ווי אנדערע דעקאדענטן אין זיין צייט. ער האָט נאָך געזאָגט: „אַזוי איז עס“, און איז געגאנגען ווייטער.

ער איז געגאנגען, ווי ער האָט עס אָנגערופן: „צו די גויים“. דאָס הייסט: אין דער אַלטער, וואַרשעווער, דעקאַדענטישער קאַפע — צו „קאַוועצקען“ אויף דער מארשאלקאָווסקע; אין אַ זייטיקער אויסגעריבענער טיר, אונטער אַ שווערער קאָטאַרע, אין דעם גרויסן, פאַרויכערטן זאַל, ווו אַ גאַנצן טאָג ברענען די עלעקטרישע לאָמפּן. עס דאַכט זיך, אַז דאָ רויכערט מען אָפּיום, און די מענטשן אין דער געפּלדיקער אָנגערויכערטער לופט זעען אויס ווי פאַרשטויסענע, פון אַ קראַנקהאַפטער גייגונג. אָבער דאָ שפּילט מען גאָר אין ביליאַרד.

נאָמבערגן קען מען דאָ. ער האָט שוין דאָ זיינע פּאַרטנערן. ער טוט היימיש אויס דאָס רעקל. עס דאַכט זיך, אַז אין דעם געדיכטן רויך פון טיטון און קאַווע לעבט ער אויף. דער ביליאַרד־שטאָק איז פיל העכער פון אים, אָבער נאָמבערג איז אַ גוטער שפּילער, און ער באַוועגט פלינק מיט דעם שטעקן, און די באַלן פאָלגן אים.

עפּעס אַ קריסט איז נאָמבערגס פּאַרטנער — אַ קליינער, אַ בלאָנדער, מיט קליינע, קנאָכיקע הענט און פּים, ווי אַ קינד. איז ער אַ באַאַמטער ערגעץ אין אַ באַנק? אָדער אפשר אַן אַסטראָנאָם? ווער ווייסט, אפשר איז עס אַ דיכטער? אפשר פּשיבישעווסקי אַליין...

שפּילנדיק, האָט ער מיט נאָמבערגן עפּעס פריערדיקע נישט־פאַרענדיקטע געשפּרעכן. נאָמבערג אָבער איז אין טראַנס:

— שפּילט... שפּילט, פּאַניע יאַניע... ס'איז אַ שאָד די צייט.. דאָס לעבן אַנטלויפט...

אָבער דער פּאַן יאַן האָט זיך לאַנג פאַרטראַכט מיט דעם לאַנגן ביליארד־שטאָק אין דער האנט און האָט ענדלעך, ווי צו זיך אַליין, געזאָגט:

— זי איז איצט מיט אַן אַנדערן... אירע אויגן... אירע ליפּן... אירע הענט...

— שפּילט — האָט נאָמבערג אומגעדולדיק געזאָגט.

— איך קאָן נישט... איך לייד... דאָס איז שרעקלעך... אפשר זאָל איך גיין צו איר?...

נאָמבערג פאַרקוקט זיך אין אַ ווינקל און זאָגט פאַרטראָגן, ווי ער וואָלט עפּעס דערזען:

— אַז איר קאָנט נישט... איז שלעכט...

און ער גיט צו מיט אמתן פאַרדרוס:

— ווען מען ווערט פאַראַמט פון אַ געליבטער פרוי, הייסט עס נאָך נישט, אַז מען דאַרף „פושן" אין ביליאַרד... ווען איר שפּילט גוט, וואָלט איר נאָך אפשר געקאָנט געווינען די פּאַרטיע... אָבער אַזוי פאַרשפּילט איר דאָך ביידע שפּילן...

דער קליינער קריסט האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַ שטול, אַרומגעכאַפּט דעם קאָפּ מיט די הענט און זיך שטיל צעכליפּעט.

נאָמבערג האָט זיך פאַרטראַכט און צו עמעצן, אַ נישט געזעענעם, שטיל געזאָגט:

— קאַליע געמאַכט אַן אינטערעסאַנטע פּאַרטיע...

און מיט זיין געווײנלעכער, אַ ביסל גרילציקער שטים, מיט אַ קינדערישן ערנסט אין די אויגן, האָט ער דערקלערט דעם וויינענדיקן קריסט:

— אין אַזאַ פאַל איז אַ פּאַרטנער מחויב אויסצורעדן זיך פריער... אַז ער וויל שפּילן אַ פּאַרטיע ביליאַרד מיט טרערן פון ליבע און פאַראַט...

* * *

אין אַ שבתדיקן זומער-פאַרנאַכט האָב איך ביי פּרצן אין שטוב געטראָפן נאָמבערגן. אין דעם פּרץ-קאַבינעט, אַרום דעם גרויסן שרייב-טיש מיט די יידישע, זילבערנע לייכטער, מיט די יידישע בילדער פון מינקאָווסקי און הערמאַן שטרוק אויף די ווענט, מיט די פּרוכתן און אַלטע יידישע געוואַנטן, האָט פּרץ געפירט די שעה פון געמיט.

נאָמבערג איז געזעסן אַן אויסגעלאָשענער ביים פענצטער, און אַ ראָזע ליכט פון זון-פאַרגאַנג האָט געשפּילט אויף זיין פאַרטעמטיקן פּנים.

פּרץ האָט גערעדט וועגן ליטעראַטור, וועגן יידישן סטיל. אַרום זיינען געזעסן שרייבער, קינסטלער און געסט און האָבן געשלונגען פּרצעס רייד. מיטאַמאָל האָט זיך נאָמבערג אויפגעהויבן און מיך אַ שלעפּ געטאָן נאָך זיך: מיר זיינען אַרויס אויף דער גאַס. די צעגלאַנע, די טראָטואַרעס און דער „גזשיבאָוו" זיינען געדיכט געווען באַפּינטלט מיט יידן, יידן אין זיידענע קאַפּאָטעס, אין שטריימלען. מ'איז געדיכט געגאַנגען צו מלווה-מלכה.

נאָמבערג האָט זיך פאַרקלערט און מיט אַ לייכטן אומעטיקן שמייכל אַ זאָג געטאָן:

— ס'איז דאָך אַן איבערחזרונג... פון דעם, פון וועלכן איך

בין אנטלאָפּן... ס'איז דאָך רבנות...

אין אַ מינוט אַרום האָט ער צוגעגעבן:

— ע, מע וועט גאָר אַוועקגיין צו די „גויים"...

און ער איז אַוועק מיט זיינע קליינע טריטעלעך, פאַרלייגט די בלייכע הענט פון הינטן, פאַרייסנדיק קרומלעך דעם צו גרויסן קאָפּ. ער איז אַוועק צו „קאַוועצקען" אין דער קאַפע, צו דעם גערויכט־פאַרוויכערטן זאַל, צו דעם שטאַרקן קאַווע־ריח, ווו עס קויקלען זיך די אילוזאָרישע פאַטאַליסטישע באַלן פונעם ביליאַרד.

* * *

ה. ד. נאָמבערג האָט מיר אַמאָל דערציילט:

— איך בין געווען אין בערלין. כ'האָב נישט געהאַט קיין גראָשן געלט. ס'איז געוואָרן האַרבסט. עס איז געוואָרן זייער קאַלט... איך האָב נישט געהאַט קיין פּאַלטאָ... דערנאָך האָב איך באַקומען געלט פאַר מיינער אַ ליטעראַרישער אַרבעט...

— נו, — האָב איך געפרעגט — האָט איר זיך געקויפט אַ פּאַלטאָ?

— ניין, — האָט נאָמבערג אַ פאַרקלערטן שמייכל געטאָן: — איך האָב גענומען דאָס געלט און אַוועקגעפאָרן קיין איטאַליע, ווו מען האָט נישט באַדאַרפט קיין פּאַלטאָ...

* * *

אין די צוואַנציקער יאָרן, נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָב איך ווידער באַגעגנט נאָמבערגן.

דאָס זיינען געווען די ערשטע יאָרן פון דער אַזוי־פאַרשטאַנענער יידישער „פּראָספּעריטי" אין זעלבשטענדיקן פּוילן. עס האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס גרויסע פּוילישע יידנטום גייט מיט אַ ברייטן טראָט צו עפּעס אַ פולקאָמענקייט.

ה. ד. נאָמבערג איז אין יענע יאָרן געווען דער כמעט איינציק־פאַרבליבענער פון דער גרויסער שרייבער־פּליאַדע אַרום פּרצן און צי מען האָט געוואָלט, צי נישט, איז נאָמבערג געקרוינט געוואָרן מיט דער פּאַלמע פון ערשטקייט.

אין דעם קאַליידאָסקאָפּ פון די עטלעכע יאָר זעען מיר נאָמבערגן אין פאַרשידנאַרטיקע ראָלן. מיר זעען אים אין דער ראָל פון אַ פּאַרטיי־פירער, אין דער ראָל פון אַ סיים־דעפּוטאַט און אויך אַלס וואָרט־פירער אין דער דעמאָקראַטישער זשורנאַליסטיש־ליטעראַרישער וועלט.

אָט די עטלעכע יאָר ביזן סוף פון זיין לעבן זיינען אַ רייך גע־

וועב פון זעלטענע פעדעם. ה. ד. נאָמבערג באַקומט די מענלעכ־קייט צו באַווירקן אַ ברייטן קרייז אינטעלעקטועלע, וועלכע ער פירט אַראָפּ פונעם ברייטן, אויסגעטראָטענעם וועג און פאַרפירט זיי אויף די ריזיקאַלישע שטעגן פון זיין אייגנאַרט, און עס אַנטשטייט גלייך דער גרויסער פערמענט פון די צוויי פרעמדע און פיינטלעכע וועגן.

ה. ד. נאָמבערג בלייבט ווידער אַליין. דער איינזאַמער שמאָ־לער וועג פון נאָמבערגס גייסטיקע וואַנדלונגען זיינען נישט פאַר אַלע, און מיר זעען אים ווידער מיט זיינע איינזאַמע, קליינע טריט גיין. אָבער נאָמבערג גייט שוין איצט נישט צו די „גויים".

* * *

ער האָט נישט מער קיין כוח און קיין געדולד צו פרעמדע מענטשן. דאָס נייע פוילן האָט אויך אָפּגעווישט דעם אידיליש־באָהעמישן סטיל פון די קינסטלער־קרייזן, און נאָמבערג געפינט נישט מער די געמיטלעכע קאַפע־אַטמאָספער, אין וועלכער ער האָט זיך דערצויגן.

נאָמבערג קוקט מיט זיינע גרויסע, בלייך־בלויע אויגן ווייט און עלנט אין דער וועלט. עס איז אים אומעטיק. מיט זיין אַפּגע־רייניקטן שכל, וואָס בלאַנקט ווי אַ שאַרף געווער, איז ער שוין אויסגעוואוין אין אַלע ווינקעלעך פון דער אַזוי גרויסער וועלט, און אים איז ענג.

ער וועט נאָך אַמאָל פאָרן קיין אַמעריקע, קיין אַרגענטינע, ער וועט פאָרן קיין אַפריקע. דעם קליינעם גוף, דעם צעבראָ־כענעם, קראַנקן מענטשן שרעקט נישט קיין שטח, ווייל דעם עלנט פירט ער מיט זיך ווי אַ וואָלף, צו וועלכן ער איז געוווינט און האָט קיין מורא נישט פאַר אים. ער האָט נישט מורא פאַר דעם שלעכטס און פאָרן גוטס פון דעם מענטש.

דאָס איינציקע, פאַר וואָס ער מורא, וואָס וואַרפט אויף אים אָן אַ פּחד, דאָס איז אַ — נאַר. אין דער נאָענט פון אַ נאַר ווערט נאָמבערג שטום און אויסגעלאָשן. מען זעט ווי ער ליידט פּשוט פיזיש.

— אַ נאַר, — זאָגט הערש דוד נאָמבערג — איז אַנשטעקנדיק... אַזוי ווי אַ קרעציקער... מען דאַרף אַנטלויפן פון אַ נאַר... ווייל יעדער קאַמף איז אַ פאַרשפּילטער... נאָך אַ נאַר האָרף מען וואַשן די הענט ווי נאָך אַ טויטן... ווייל אויך אַ נאַר איז נישט דינאַמיש... אַ נאַר איז טויט און ער צעלייגט זיך.



**שלמה גילבערט**

*פארפייניקט דורך די היטלעריסטן*
*צוזאמען מיטן פוילישן יידנטום*

# שלמה גילבערט

איבער די וואַרשעווער גאַסן איז אין יענע יונגע, פרייִדיקע טעג אַרומגעגאַנגען דער מענטש מיט דער ברייטער פּעלערינע, מיט צעפּלאָשעטע, פּריצישע וואָנסן איבערן פּולן, שטורעמדיקן מויל. מיט פייער האָט געשפּריצט פון זיינע אויגן, מיט פייער האָט גע־זעצט פון זיין וואָרט. ווי אַ כישוף־מאַכער האָט ער געוואָרפן ליכ־טיקע שטורקאַצן אין די טונקעלע הייזער פון די ענגע, אָרעמע יידישע וואַרשעווער גאַסן.

דאָס איז געווען דער גרויסער אָנהייב פונעם יידישן וועלטלעכן לעבן, דער רענעסאַנס פון דער יידישער וועלטלעכער קולטור. דאָס איז געווען דער גרויסער יידישער שיין־גייסט י. ל. פּרץ.

* * *

י. ל. פּרץ האָט גערופן, געוועקט, צוגעזאָגט אַ ווירדיק יום־טובדיק, שעפּעריש לעבן. ער האָט גערופן צו ליכט און בילדונג, און ווער עס האָט נאָר דערפילט אין זיך אַ פונק גייסטיקייט, אַ טראָפּן בענקשאַפט, האָט זיך געלאָזן אויף זיין רוף.

פון אַלע יידישע גראָע גאַסן, פון טונקעלע יידישע אָרעמע שטיבער, פון קעלערן און בוידעמער האָבן געשטראָמט יונגע יידי־שע טרוימער צו זיין אומרואיקער טיר.

טויזנט ניין הונדערט פינף. פרישע, שמעקנדיקע ווינטן פון די ערשטע רוסישע פרילינגס־שטורמען האָבן זיך צערוישט און אויפ־געריסן די קליינע, פאַרחושכטע פענצטער פון דער יידישער אָרעמ־קייט אין פּוילן, און אַ שטראָם פרישע לופט האָט אויפגעמונטערט די פאַרשטאַרטע אין דלות און אין טונקלקייט, פאַרהויקערטע יידישע יוגנט.

די יונגע יידישע טרוימער האָבן געשטראָמט פון אַלע קלאַסן, פון אַלע שיכטן אין דעם ברייט־באַזעסענעם פּוילישן יידנטום, פון די פאַבריקן, בתי־מדרשים, פון די פאַרמאַכטע רבישע שטובן, פון שטאָט און פון שטעטל. פון אַלע זייטן זיינען זיי געגאַנגען, ווי לו־נאַטיקער, אויף דעם רוף צו דער נייער וועלט, צו דעם נייעם לעבן.

די ערשטע טיר פון דער נייער וועלט איז געווען די טיר מיט דער, צום ערשטן מאָל געזעענער, יידישער אויפשריפט אויף דעם מעשענעם בלעטל: „י. ל. פּרץ” — אויף דער זייטיקער, וואַרשעווער צעגלאַנע־גאַס.

דעם רייץ און דעם כישוף פון פּרצעס שטוב אין יענע יאָרן איז שווער איבערצוגעבן, נישט אַרומנעמענדיק אינגאַנצן דעם רענע־סאַנס־פּעריאָד אין דער יידישער ליטעראַטור. עס איז נישט מעגלעך איבערצוגעבן דעם שימער פון יום־טוב, נישט אַרומנעמענדיק די פּילזייטיקע שטראַלנדיקייט פון דער פּרץ־געשטאַלט, נישט איבער־געבנדיק דעם געוואַלדיקן אויפשטייג פון האָפענונגען, וואָס פּרץ האָט באַטיילט מיט זיין ריזלדיקן גייסט און וואולקאַנישן טעמפּעראַ־מענט, וואָס האָט אָן אויפהער געוועקט און גערופן צו דערהויבונג.

אַ טרוימער, אַ קעמפער און אַ פירער, מיט אַ געוואַלדיקער פעיקייט צו וועקן ליבע און אכטונג צו זיך, איז ער זעלטן געווען אַליין. זיין טיר האָט נישט גערוט, און אין זיין קאַבינעט איז געוויגן געוואָרן דער גורל פון די, וואָס האָבן באַדאַרפט געזאָלבט ווערן אַלס שרייבער.

אין ד ע ר פּרצעס שטוב האָב איך אין אַ זומער־נאָכמיטאָג, אין דעם יאָר טויזנט ניין הונדערט ניין, באַגעגנט די דעמלטיקע יינגסטע פלעיאַדע יידישע שרייבער.

* * *

לאַנגע, לאַנגע יאָרן טיילן אונדז אָפּ פון אָט די טעג, פון דער שטוב און פון די מענטשן. אַ בלענדנדיקע קאַרוזעל פון היסטאָרישע פּאַסירונגען, ליכטיקע און פינצטערע אין דעם גורל פונעם יידישן פאָלק. האָפענונגען און אַנטוישונגען האָבן זיך געביטן אין דער שיין פון די יאָרן. די ערשטע, גרויסע וועלט־שריפה האָט אַוועקגע־שניטן פּרצן און צוזאַמען מיט אים אַ גרויסע טייל פון די, וואָס האָבן אים אַרומגערינגלט, ביז צו אונדזערע איצטיקע טעג — די פינצטער־סטע פאַרן פּוילישן יידנטום, וואָס איז כמעט אינגאַנצן פאַרשניטן געוואָרן דורך דעם בלוטיקן היטלער־פאַשיזם. קלערנדיק וועגן די אַלע, וואָס האָבן געטיילט דעם שוידערלעכן גורל, פאַרפאָלגט מיך

דאָס בילד פון יענעם זומער־אָוונט אין פּרצעס שטוב, ווען איך האָב צום ערשטן מאָל באַגעגנט דעם בלייכן, קנאָכיקן, כמעט שפּיציקן יונגנמאַן אינעם סאַמע טונקעלן ווינקל־צימער, מיט שאַרפע בליקן פּאַרקוקטע אין פּרצן. ער איז געזעסן נישט באַקוועם, ווי אַ מענטש, וואָס איז נישט געוווינט צו קיין גוט באַקוועם מעבל און פרייער האַלטונג. זיינע לאַנגע, דאַרע, בלייכע הענט האָבן זיך פּיבערהאַפט געקלאַמערט אין זיינע דאַרע, שפּיציקע קניען. דערביי האָט זיך אין זיינע ברוינע אויגן געוויגט עפּעס אַ שניידנדיקער טרוקענער גלאַנץ, און אויף זיין ברייט, לעבהאַפט מויל האָט אַרומגעבלאָנדזשעט אַ קינדעריש־אַנגעווייטיקט שמייכעלע, וואָס מען זעט ביי מענטשן נישט־דרייסטע אין אַ פרעמדן קרייז, וואָס קאָנען ביי זיך נישט פּועלן צו זאָגן דאָס, וואָס זיי וואָלטן געקאָנט זאָגן.

פון פּרצעס רייד און פון דעם אַלעם, וואָס כ'האָב געקאָנט פאַרשטיין, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער יונגערמאַן האָט דאָ געלייענט עפּעס פון זיינע ליטעראַרישע שאַפונגען, און פּרץ האָט זיך נאָך אַלץ אַרויסגעזאָגט וועגן דעם. פּרץ האָט דאָס נישט געלויבט. ער האָט אַ סך פאַרצוואַרפן, און ער האָט דאָס געטאָן, ווי געוויינלעך, מיט אַפאָריסטישע שפּריצן, מיט רעפלעקסן און זייטיקע געדאַנקען־בליצן. דער מאָמענט פון דירעקטן אַרויסזאָגן זיך איז שוין אַוועק, און פּרץ האָט נאָך צוגעוואָרפן רעמיניסצענצן צו דעם געלעזענעם.

אין צימער האָט אָנגעהויבן טונקל ווערן. ביי אַ צענדליק שרייבער, וואָס זיינען געזעסן אַרום, האָבן זיך איבערגעוואָרפן מיט ווערטער, שטיל, נישט וועלנדיק איבעררייסן פּרצעס האַרטע, צודרינגלעכע שטים. און מיטאַמאָל האָט זיך דער יונגערמאַן ראַשיק אויפגעהויבן. זיינע ליפּן האָבן זיך קרענקלעך אַ דריי געטאָן. ערשט איצט האָב איך באַמערקט, ווי הויך און דאַר ער איז. זיין פּלייצע איז געווען אַביסל קוילעכיק, און דאָס האָט אים צוגעגעבן אַ געוויסע אומהיימלעכקייט. ער האָט זיך געזעגנט. פּרץ האָט אים פריינטלעך באַגלייט, איבערהזרנדיק זיינע באַמערקונגען. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז אַלע אַרום האָבן דעם פאַרלאַנג, אַז די סצענע זאָל זיך גיכער ענדיקן. צופיל ווייטיק איז געווען אין דעם מויל און אין די אויגן ביי דעם יונגנמאַן. אָבער אומגעריכט האָט זיך דער יונגערמאַן אַ בויג געטאָן און זיך צעלאַכט מיט אַ מאָדנע הייזעריק ווי זידנדיק געלעכטער. ער האָט געלאַכט מיט אַ ברייט אָפן מויל. דערביי האָט זיין דאַר, לאַנג פּנים באַקומען דעם אויסזען פון אַ

סקעלעט. געלאכט האָט ער שטיל און גיפטיק, ווי אַ שד. אָבער זיין געלעכטער האָט אָנגעשטעקט. און דאָ האָב איך צום ערשטן מאָל דערהערט זיין שטימע מיט דעם ברייטן, ווארשעווער פּאָלקסטימ־לעכן יידיש:

— פּרץ... נעמט איך נישט אזוי צום הארץ, עס קאָן אייך, חלילה, שאטן... איך בין נישט אזא קבצן, אז ווען עמעצער זאָגט מיר, אַז מיין גראָשן איז צופעליק אַ פאלשער... זאָל איך נישט האָבן קיין צוויטן... אָט די אַלע קלייניקייטן, וואָס איך ברענג אייך וויזן, זיינען גראָשנס... די אמתע אפּותיקה... באַהאַלט איך ביי מיר...

און מיט דעם זעלביקן שדישן, זידנדיקן געלעכטער האָט דער יונגערמאַן פאַרלאָזן דאָס צימער.

פּרצן איז געפעלן די אַלעגאָריע מיט די גראָשנס, און ווען ער האָט זיך אומגעקערט פונעם קאָרידאָר, האָט ער מיט זיין קאָאקנדיקער שטים אַ זאָג געטאָן:

— דאָס איז שלמה גילבערט... אַ פידל אונטער אַ סורדינקע... ס'באַדאַרף זיין גאָר שטיל, מען זאָל אים דערהערן... נישט פאר אונדזער צייט, ווען אַ שרייבער דאַרף וועקן, רופן...

פּרץ האָט נאָך לאַנג אויף זיין שטייגער „געזאָגט תורה”. איז דער צייט איז ער באַזונדערס געווען באַהערשט פון דער אידעע, אַז אַ שרייבער דאַרף דינען דעם פּראָגרעס, אז ער דאַרף זיין אַ לערער און בילדן דאָס פאָלק. אז אַ שרייבער דאַרף זיין רעוואָלוציאָנער, צעשטערן די אַלטע וועלט און העלפן בויען אַ נייע...

אין צימער איז טונקל געוואָרן. דער זומער־אָוונט איז געשטאַ־נען הינטערן פענצטער און געשפילט מיט ראָזן ליכט אויף פּרצעס לייכט־באַזילבערטע שלייפן און רחבותדיקע וואָנסעס. אַ שטראַל ליכט האָט אויך נאָך פארכאַפּט דעם קליינעם, ווייסן קאָפּ פון דעם שטענדיקן פּרצעס לייב־גייסט, דעם אַלטן יעקב דינעזאָן. די יוגנט איז זיך ביסלעכווייז צעגאַנגען. אויך פּרץ האָט זיך געקליבן גיין שפּאַצירן.

דער זומערדיקער לינדער פאַרנאַכט האָט אים אויפגעברויזט. ער האָט, ווי שטענדיק, נישט געקאָנט אַליין זיצן אין שטוב, ווען די גאַסן זיינען פול געווען מיט יידישער יוגנט. זיין אוידיטאָריע־הונגער האָט אים געטריבן אין אַלע ערטער, וווּ נאָר מען האָט געקאָנט די יוגנט באַגעגענען. זיין וועלט, די אַלטע וועלט, וואָס ער האָט אונטערגעביסן מיט זיין געניאַלן סאַרקאַזם, איז זיך צעפאַלן,

און ער האָט געזוכט די נייע וועלט. ער האָט געהערט דאָס ריזלען פון נייע וואסערן, און זיינע לײדנשאַפטלעכע שפּאצירן האָבן אים פאַרטראָגן אומעטום, ווו נאָר די יוגנט האָט געבויט איר נייע וועלט.

ער איז געלאָפן אויף די „בירזשעס“, איבער די פאַרשידענע לאַגערן פון דער אויפגעוואכטער, יונגער ארבעטער־באַוועגונג. ער איז געגאַנגען אין די שולן ארויסכאַפּן נאָך האלב־גלויביקע, פאַר־בלאָנדזשעטע, וואקלענדיקע; ער איז געגאַנגען ארומגערינגלט פון אויפגעברויזטע קרייזן יוגנט און געוואָרפן זיין וואָרט, ווי פאַקלען.

* * *

פּרץ האָט זיך איינגעהילט אין זיין אייביקער, גרויסער פּעלצ־רינע, ארויפגעוואָרפן אויפן קאָפּ זיין גרינעם, מיראַלער יעגער־הוט, און מיר האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן אין דעם טונקל פון די אַלטמאָ־דישע, קרומע טרעפּ. דאָ האָט מיך פּרץ פלוצלינג געכאַפּט אונטער דער האַנט און אַ זאָג געטאָן:

— אַ שאָד, וואָס איר האָט נישט געהערט די שלעכטע זאַך, וואָס עס האָט מיר היינט געלעזן שלמה גילבערט. אַ פיינער שרײַ־בער... גאָר אַ פיינער... איר פאַרשטייט?... אַ מאָדנער... שווער מיט עמעצן צו פאַרגלייכן... אַן אמתער קינסטלער... אַ דיגער און אַ שטילער... אַ צו שטילער... ער טוט אַ שמיר און אַ וויש... ניין, ערווישט מער, ווי ער מאָלט... ער לאָזט איבער נאָר אַ שפּור פון אַ פאַרב... פאַר זיינע קליינע, עלעגישע זאַכעלעך איז עס גוט... ווייל דאָס זיינען שמוק־זאַכן אין דער ליטעראַטור... אָבער היינט איז ער געקומען מיט אַ דערציילונג שוין מיט אַ נאָגל... ער האָט געוואָלט עפּעס זאָגן... רעוואָלטירן... און קעגן ווער? קעגן אַ קליין מענ־טשעלע... אַ געוועלבניק, געבעך... אַז ער געגאַרט אויף דער וואָג... כאָטש ער האָלט זיך פּאַר אַ גלויביקן... אַ פרומען... דעם גאַנצן „העלד“ משטיינסגעזאָגט קאָן מען דערשיסן מיט אַ קינדעריש בלעכן ביקסל... דאָס טויג שוין נישט!... אָבער אַ פּאַליטרע האָט ער אַ געבענטשטע... יעדעס וואָרט איז אַ בילד...

פּרץ האָט דאָס מאָל געקעמפט קעגן אָט די „רעוואָלוציעס“ מיט די בלעכערנע קינדערישע ביקסלעך, קעגן די השכלהדיקע אמ־פּערנישן מיט דעם פאַלשן פרומאַק... מיט דעם רבל, אָדער שטעטל־דיקן גביר...

ער האָט אָפּגעווענדט פון דעם משכילישן שוין אָפּגעלעבטן, נאַיוון, „פריי־דענקערישן“ רעוואָלוציאָניזם, פון וועלכן ער אליין

האָט זיך דורך אַלע יאָרן נישט געקאָנט אַרויספּלאָנטערן, און ווי עס זעט אויס, האָט שלמה גילבערט מיט זיין נישט גליקלעכער דערציילונג אים געגעבן די נייטיקע רעגונג.

איך האָב געוואָלט עפּעס מער וויסן וועגן דער מאָדנער, אומ־היימלעכער געשטאַלט פון דעם שפּיציקן יונגגמאַן. אָבער פּרץ, ווי עס זעט אויס, האָט וועגן אים געהאַט אַ גאַנץ בלייכע אנונג:

— אָדער פון אַ קעלער־שטוב, אָדער פון אַ בוידעם־שטיבל, ווי דער מערסט פון מיינע באַזוכער יונגע שרייבער... אָבער... נישט קיין פאַרגרעבטער... קאָן לערנען, טראָגט דעם הויקער פון צוויי טויזנט יאָר יידישקייט... און וואָס ער האָט נישט — ווייס איך נישט... אָבער איינס האָט ער זיכער — שווינדזוכט...

מיר איז מיטאמאָל קלאָר געוואָרן דאָס סקעלעטישע, וואָס האָט אַ בליאסק געטאָן בעת זיין געלעכטער, און דער טרוקענער גלאַנץ פון זיינע אויגן. איך האָב פאַרשטאַנען דאָס מעטאַלענע סיקען פון זיין מאָדנע געלעכטער, און עפּעס האָט מיך אַ צי געטאָן צו אים.

איך קאָן מיך ביז איצט נישט באַפרייען פון דעם גלויבן אין עפּעס אַן אומבאַוווסטער קראַפט, וואָס פירט צונויף דורך טונקל־פאַרהוילענע אונטערבאַוווסטזיניקע וועגן צוויי מענטשלעכע נפשות, אויב זיי טראָגן גאָר אין זיך פעדעם פון איין גייסטיקער ספערע...

איך האָב געזוכט יעדע געלעגנהייט זיך צו באַגעגענען מיט שלמה גילבערט. דאָס איז געווען אַ נישט קלאָרער פאַרלאַנג אַריינ־צודרינגען אין זיין וועלט, אַ געפיל, וואָס האָט מיך נישט איינמאָל אין מיינע יינגלשע יאָרן צוגעבונדן צו מענטשן, ווייטע פון מיין סביבה, פון מיין דערציונג, און פון אַלע די, מיט וועלכע מען האָט מיך אין דער קינדהייט פאַרווערט זיך צו חברן.

עס איז געווען ענלעך צו מיין קינדערישער פאַרליבטקייט אין דעם גאַסן־אַקראָבאַט „באַלעק", וואָס האָט אונטער די פייפנדיקע קולות פון דער קאַטערינקע זיך „געבראָכן" אין די הייפלעך פון די וואַרשעווער אונטערגעסלעך, אָדער „אַברמעלע פּויץ" — דעם יינגל פון דער גנבישער שטוב, וועלכן מ'האָט אָפט געפירט מיט געבונ־דענע הענט אַרונטער; וויפל נעכט בין איך נישט געשלאָפן צוליב אים!...

דאָס איז געווען דער רייץ אַריינצודרינגען אין אַ פרעמד, ווייט לעבן, וואָס האָט מיך געלאָקט פון קינדווייז אָן.

אין גילבערטן האָט זיך אנטפּלעקט פאר מיר אַ מענטש, וועלכן כ'האָב באגעגנט אין פּרצעס שטוב, — אַ קינסטלער, וואָס האָט דערביי געטראָגן אין זיך די אלע לאָקנדיקע פארבן, וואָס האָבן אויפגעהויבן אין מיר אַ מאָרגנע האַרץ־קלאַפּ פון אַ זיסער נייגע־ריקייט.

אַ צופעליקע און אומדערוואַרטע איז געווען מיין צווייטע באַ־געגעניש מיט שלמה גילבערט. זי האָט אָבער געהאַט אין זיך אלע סימנים פון מיין איינגעבילדעטן „העכערן כוח". און איך בין צו־געפאַלן צו אים מיט דעם גאנצן אימפּעט פון מיין כמעט־קינדער־שער יוגנט. איך בין אלט געווען זעכצן אָדער זיבעצן יאָר, שלמה גילבערט איז געווען באדייטנד עלטער.

* * *

אין דעם ליכטיקן סוף־זומער־טאָג האָבן מיר זיך געטראָגן אָן אַ ציל פון איין גאַס אין דער אנדערער. ארום האָט גערוישט די גרויסע וועלט־שטאָט ווארשע מיט איר ברייט, אייליק לעבן, און דאָ איז אַ גאנצער לאַבירינט פון געדיכט־באַזעצטע יידישע גאַסן געלעגן פאַר אונדז:

— דאָס איז דער קאַסטן פון מיינע מוסטערן, — האָט גילבערט געזאָגט און איבער זיינע האַרטע שמאָלע קינביינער איז דורכגע־לאָפן אַ כוואַליע פון סאַרקאַסטישן געלעכטער. ער האָט אָנגעוויזן מיט זיין לאַנגער, דאַרער האַנט אויף דעם קנופּ גאַסן און געסלעך אַרום דעם „אייזערנעם" טויער", ווו אַ קאָלירטע, צונויפגעקנאָדער־טע, רויענדיקע מאַסע האָט געווימלט איבער די שטעלן אין אַ גע־דראַנג און כאַאָס פון קליינעם גראָשנדיקן האַנדל. פון אַלע זייטן האָבן געשטראָמט קויפער און פאַרקויפער, האָבן געטראָגן און גע־שלעפּט פּעק און זעק אַזוי ווי גרויסע, רויענדיקע מוראַשקעס.

גילבערט האָט מיך אריינגעפירט אין דעם געדראַנג, ער האָט געאָטעמט טיף, מיט פארטראָגענע אויגן, איבער דער קנוויליקער מאַסע.

און דער רינדיקער שמייכל ארום זיין ברייט מויל האָט גע־צאַפּלט, ווי אַ ליכט־שטראַל. ווי צו זיך אליין, האָט ער אין פאַר־טראָגנקייט געזאָגט:

— כל־זמן זיי לעבן — לעבן מיר... יידישע שרייבער... איז זייער זכות... אין זכות פון די אלע קליינע מענטשעלעך... איך האָב ליב די פּרומע אָרעמקייט... די אָרעמע, פרייליכע מענטשלעכע געסט...

מיר זיינען געגאנגען פארביי אלטע, האלב־חרובע הייזער, האַלב־צעשטערטע, אלטע ווארשעווער הויפן, וואָס זיינען געווען באַקלעפּט פון מענטשן, יידן, אלטע און יונגע, פארהאנדלטע, פאר־טוּנעע אין מסחר, ווייבער און קינדער. איך בין געווען פרעמד און דערשראָקן אין דעם געווימל. דערפאר האָט זיך גילבערט דאָ גע־פילט היימיש. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט מיט פארשידענע באקאנ־טע אין דער געגנט האלבע משוגעים, פארביקע טיפּן און אויס־טערלישע געשטאַלטן. זיי האָבן אים באגעגנט ווי אלטע באקאנטע, איבערגעוואָרפן זיך מיט ווערטלעך, וואָס האָבן ארויסגערופן ביי זיי געלעכטער און פריילעכקייט.

ער האָט געקויפט פרוכטן ביי צעשריגענע מארק־ווייבער, וואָס זיינען מיטאמאָל שטיל געבליבן, באדינט אים מיט אַ באזונדערער זאָרגפעליקייט און אים צוגעווונטשן מיט פרומע אויגן:

—עסט... זאָל אייך זיין צום געזונט און ר'זאָלט האָבן אַ רפואה שלימה.

— דאָס זיינען ווייבער... מיינע שכנטעס... וואָס גלויבן, אז איך בין אַ „למדוואָווניק“... ווען איך ליג קראנק, טראָגן זיי שפּייז און פרוכטן, שטעלן עס אַרויף אויפן טיש שטילערהייט און פאר־שווינדן...

ער צעלאכט זיך מיט זיין שדישן געלעכטער און מיטאמאָל פאַרציען זיך זיינע אויגן מיט אַ נעפּל פון אומעט:

— ס'איז אַ שאָד אַוועקצוגיין פון אַזאַ לעבעדיקער וועלט, פון אַזויפיל גוטע, פּשוטע מענטשן... אָט די אלע פארהאנדלטע און צעשריגענע ווייבער זיינען דאָך צוזאַמען מיט מיר אויסגעוואַקסן... זיי זיינען דאָך יונג און קינדעריש, און קומט אַ שבת אָדער אַ טאָג פון רו... באקומען זייערע צעפּייערטע אויגן צוריק אַ שטילן, פרו־מען בלאסק פון פארשעמטקייט און באשיידנקייט... זיי ווערן גוט־מוטיק, און די בלויקייט פון זייערע ליפּן, צוזאמען מיט די מארק־קללות פאַרשווינדן.

ער האָט אַ שפּאן געטאָן און זיך פלוצלינג געווענדט צו אַ ווייבל מיט אַ טיכל אויפן קאָפּ, וואָס איז געשטאַנען מיט אַ קויש ווייסע בולקעס:

— וואָס מאכסטו, דבורהלע?...

דאָס ווייבל האָט אויפגעהויבן אַ פּאָר גרויסע שפּילנדיקע, בלויע אויגן. אַ פאַרב האָט באַשלאָגן איר פּנים. זי האָט פאַרריכט

אירע צעפּאטלטע, בלאָנדע לאָקן אונטערן טיכל און שטיל געענט־
פערט:

— אוי ווייי מיר... זעטס נאָר... שלמה, וואָס מאכסטו? וואָס
טוסטו דאָ?...

אַ יונגערמאַן מיט אַ פאַרמעלטע קאַפּאָטע, מיט אַ פאַרמעלט
בערדל איז געשטאַנען נעבן איר.

— דאָס איז דיין מאַן? — האָט גילבערט געפרעגט.

— יאָ, קענסט אים נישט?..

— און קינדערלעך האָסטו עפּעס, דבורהלע?

— יאָ, קיין עין־הרע...

דבורהלע האָט זיך פאַרשטעלט דאָס פּנים:

— אוי, קוק נישט אויף מיר... ווי איך זע אויס... פּעוונע אַז
אַלטע יידענע...

— זעסט אויס שיין, דבורהלע, אַזוי ווי שטענדיק... איך שטעל
מיר פאָר, שבת זעסטו אויס ווי אַ קייסערינע...

— אוי, הייבסט שוין אָן חוזק מאַכן?... דיינע אַלטע שטיק?...

און אַלע האָבן גליקלעך געלאַכט. דער מאַן מיטן בערדל האָט
אויך געשמייכלט.

מיטאַמאָל האָט דאָס ווייבל פאַרזאָרגט געפרעגט:

— און וואָס מאַכסטו אין געזונט?... אפשר אַ ביסל געבעקס?..
זע נאָר די בולקעס... נעם, שלמה...

און זי האָט אַ כאַפּ געטאָן עטלעכע בולקעס.

— גיין, קיין בולקעס דאַרף איך נישט...

דער רירנדיקער שמייכל פול מיט ווייטיק אַרום זיינע ברייטע
ליפּן טוט זיך אַ וויג: וויפל פּשוטע, מענטשלעכע גוטסקייט איז
אַרום.

— אַזוי זיינען זיי כמעט אַלע... — רעדט גילבערט, ווי צו זיך
אַליין. — אַלע...

* * *

גוטסקייט און הארציקייט האָט גילבערט געזוכט נאָר אין
דער נידער, אין דער טיפענניש פון פאָלק.

דאָס איז געוועז אונדזער ערשטער, יוגנטלעכער, אָנציליקער
גאַנג און אונדזער ערשט היים געשפּרעך — אַ געשפּרעך פון צוויי

יונגע, אויסגעשפּאַנטע פון דער וואַכעדיקער, פאַריאַכמעטער אָרע־מער יידישער גאַס; אַ יום־טוב אינדערוואָכן פון צוויי יידישע מרוימער.

דאָס איז געווען איינס פון יענע געשפּרעכן, די אַמפּערנישׂ, וואָס האָט אין יענע צייטן זיך געטראָגן פון אַלע סטודענטישע צימערלעך. דאָס גריבלען זיך אין דעם סוד: וואָס אַזוינס איז פאָלק?... יעדן פון אונדז האָט זיך געדאַכט, אַז ער איז עפּעס אַנדערש, און „דאָס פאָלק", וואָס פילט אָן די גאַסן און די הייזער, איז דער מאָדעל, וואָס פאָזירט פאַר אונדז, אַז מיר זאָלן עס באַ־שרייבן.

שלמה גילבערט איז געווען פאַרליבט אין מאַקסים גאָרקי, אַזוי ווי די גאַנצע יידישע דעמאָקראַטישע אינטעליגענץ אין פּוילן. עס איז געווען מאָדנע רירנד, ווי דער קראַנקער, צעבראָכענער יידישער מענטש, וואָס איז נישט לאַנג אַרויס פון דער לאַנגער קאַפּאָטע, פון בית המדרש און רבינס טיש, האָט זיך באַהאָפטן מיט די פאַנטאַסטישע ריזן פון אַרום דער וואָלגע, ווו ער האָט מיטגעלעבט מיט זייערע גענג און טאָטן.

אין שלמה גילבערטן איז פאָרגעקומען אַ געראַנגל פון צוויי כוחות, וואָס האָבן צעריסן דעם איידעלן עמאַל פון זיין שרייבע־רישן טאַלענט. ער האָט זיך געוואָרפן אינעם תהום פון דעם נידע־ריקסטן פאָלקס־שיכט און אויף גאָרקיס שטייגער געזוכט דאָרט די פּערל פון מענטשלעכער דערהויבנקייט. זיין ערלעכע פעדער האָט אָבער נישט געקאָנט ליגנערן און נאָכמאַכן; זיינע יידישע העלדן האָבן נישט געהאַט פאַר זיך קיין ברייטע, רוסישע סטעפּ, וועלדער און טייכן. דאָס ביסל געזונט, רויט פאָלקס־בלוט, וואָס האָט געשטראָמט אין זיי, האָט זיי קוים געגעבן כוח צו טראָגן זייער גורל. גילבערטס איידעלע, עלעגישע פעדער האָט אויסגעפונען ביי די מענטשן פון דער נידער, בלויז קינדערישע שטימעס און צום סוף אַ גליענדיקע טרער אויף דער שלעכטקייט פון דער אומגע־רעכטער וועלט...

אַזוי ווי דער רוב יידישע שרייבער, וואָס זיינען געקומען פון דער ישיבה, פון דער סכאָלאַסטישער קולטור, איז אויך גילבערט אַרויסגעטרעטן קעגן דעם „איידעלן יידן", אין וועלכן ער האָט געזען דעם „הערשנדיקן קלאַס", און דעם קלער, וואָס האָט, אָנ־שפּאַרענדיק זיך אין גאָט און דער תורה, עקספּלואַטירט דעם „פּראָסטן מענטש", דעם „עם־הארץ", דעם פאָלקס־מענטש...

צווישן אונדז איז געלעגן אַ גרויסער שטח אין אונדזער דערציונג. איך האָב געחלומט פון מיקעל־אַנדזשעלאָ און לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשי. פאַר דער אָפּגערייניקטער אַטמאָספער פון אַבסטראַקטער שיינקייט איז נאָך דעמלט גילבערט, אַזוי ווי אַלע יידישדערצויגענע שרייבער, געווען פאַרמאַכט, און ער האָט געקוקט אויף מיר מיט חשד און אומצוטרוי.

אָבער איך האָב געשעפּט פון אים די געזונטע ריחות פון אמתער פאָלקסטימלעכקייט, מיט וועלכער ער איז געווען איבערגעפּולט. אין דעם קראַנקן, צעבראָכענעם שלמה גילבערט איז געלעגן אַ דינאַמישער כוח פון ווידערגעבורט. אָט דער סוד פון אייביקייט, פון געבענטשטער פרוכטבאַרקייט, וואָס ליגט באַהאַלטן אין דער טיפעניש פון פאָלק.

* * *

אָט דער כוח פון ווידערגעבורט, וואָס האָט גערייזלט אין אים, איז געווען שטאַרקער פון דער שווינדזוכט, וואָס האָט פון דער פריער יוגנט זיך באַזעצט אין זיינע לונגען, — די קראַנקהייט, וואָס האָט אין יענע ראָמאַנטישע צייטן צוגעגעבן אַ געוויסע גרויסאַרטיקייט פון גייסט, און אירע יונגע קרבנות האָבן אין אַלע קרייזן פון דער אינטעליגענץ געטראָגן דעם דערגער־קראַנץ, וואָס האָט זיך אַרייגעשטאָכן, ווי אַ פאָרוואורף אין דער אומגערעכטער וועלט פון די זאַטע, צופרידענע, רייכע, וווּ די שווינדזוכט האָט כלומרשט קיין צוטריט נישט געהאַט.

שלמה גילבערט האָט מיט אַ מאָדנעם, צוריקגעהאַלטענעם צאָרן אָפּגעוואָרפן פון זיך אָט דעם מאַרטירער־קראַנץ; ער האָט געקוקט אויף זיין קראַנקהייט ווי אויף אַ בעסטיע, פאַרלייקנט זי, פאַרשוויגן, גערעדט וועגן איר נאָר מיט זייער נאָענטע מענטשן, דיסקרעט, מיט אַ בייסנדיקן סאַרקאַזם, און שטיל, איינגעשפאַרט געקעמפט מיט איר, מיט אַלע כוחות און מיטלען.

פאַר פרעמדע מענטשן האָט ער די קראַנקהייט פאַרהוילן, איגנאָרירט, גערימט זיך מיט זיין איבערגעטריבענעם כוח, באַמיט זיך צו פירן אַ לעבן פון אַ געזונטן מענטש. זיך נישט אויסגעהיט פאַר קיין פאַרקילונגען, געשפּאַנט איבער די גאַסן אונטער שניי און רעגן ביז אין דער שפּעטער נאַכט. נישט מיד געוואָרן צו רעדן

און האלטן דעם גאנצן קרייז יונגנט. אין אַ שטענדיקער הייטערקייט מיט זיין הומאָר און כאַראַקטערפולן דערציילן.

קיינער פון דעם קרייז יונגע שרייבער האָט נישט געקאָנט זאָגן, ווו שלמה גילבערט וווינט, ווו עס איז זיין היים, פונוואנען ער קומט, און ווו ער פארשווינדט אין דער שפּעטער נאכט.

אָבער גראָד אין די טעג, ווען אויף דער ווארשעווער יידישער גאַס איז געגאנגען די גרויסע אויפלעבונג, ווען פּרצעס שטוב איז פול געווען פון נייע, יונגע שעפער, האָט שלמה גילבערט אָנגעהויבן פארשווינדן ווערן. ער איז פארשוווגדן געוואָרן אויף עטלעכע טעג, דערנאָך איז ער ווידער געקומען. דער גלאַנץ אין זיינע ברוינע אויגן איז געוואָרן נאָך אָנגעגליטער און די קינביינער האָבן זיך נאָך מער פארשפּיצט. און ווידער האָט ער געוואָרפן מיט גאנצע בונטן נייע זעונגען, פּרעכטיקע מעשיות פונעם יידישן לעבן און שטייגער, רירנדיקע דערציילונגען פון קליינע פשוטע מענטשן, אין וועלכע ער האָט שטענדיק געפונען אַ ליכטיקן פונק, „צוליב וועלכן עס לוינט צו לעבן אויף דער שיינער וועלט“...

* * *

מיטאַמאָל אָבער איז ער פארשוווגדן אויף לאנגע וואָכן. אלע מיינע באמיונגען אים צו געפינען זיינען געווען אומזיסטע. און נאָר עפּעס אַ צופאל, וועלכן איך געדענק שין נישט, האָט מיך אַוועקגעפירט אין איינעם פון די אָרעמע יידישע ווארשעווער הינטער־געסלעך אין אַ קליין, האלב־חרוב הייזל; אין איינעם פון די אלטע, ווארשעווער הייזער, וואָס זיינען פארבליבן פון אלטע, פארנעפּלטע צייטן. אונטער אַ גרויען, האַלב־איינגעפאַלענעם פּלויט איז געשטאַנען דאָס הילצערנע הייזל, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ גרויסער טויבן־שלאק. אָט די הייזלעך זיינען ווי צופעליק פארבליבן אין דער גרויסער שטאָט. צווישן די הויכע, פּאריסענע מויערן זיינען זיי געשטאַנען ווי שוואָמען נעבן ריזן־סאָסנעס. די הייזלעך זיינען צעוואָרפן איבער דער גרויסער שטאָט, ווי פארבלאָנדזשעטע שמות פון דער אלטער געשיכטע וועגן יידן אין פוילן:

איך בין אריין אינעם אומעטיקן הייפל מיטן אלטן פּוילישן אייזערנעם פּלומפּ אינדערמיט. דאָ האָבן פארזאָרגטע, פארוואקסענע יידן און צעפּאטלטע ווייבער געקוקט אויף מיר מיט חשד, ווען איך האָב געפרעגט ווו עס וווינט גילבערט.

זיי האָבן געקוקט אויף מיר מיט אומצוטרוי, ווי אויף אַ פרעמדן, ווייל צו יונג האָב איך אויסגעזען צו זיין אַ דאָקטאָר. מען האָט מיר אָנגעוויזן אַ טונקל פאָדער־הייזל, און איך האָב מיך מיטאַמאָל דערוווּסט, אַז שלמה גילבערט איז: „דעם קלעזמערס זון”...

ס'איז אַ פייכטער נאָך־סוכות־טאָג. אַ בענקלעכע טונקלקייט האָט זיך שוין אין האלבן טאָג אויסגעשפּרייט, און דאָס קליינע, אָרעמע הייפל האָט שוין אָנגעבויגן דעם קאָפּ אונטער דער זאָרג פאַרן שווערן ווינטער.

אַ נידעריקע, פייכטע טיר האָט זיך געעפנט אין אַ טונקל קעכל אריין, פונוואַנען ס'האָט אַרויסגעפינקלט אַ רעדל פייער פון דער פּליטע. דאָס פלעמל האָט באַשמירט מיט אַ רויטלעכער שיין אַ קליינע יידענע מיט אַ קופּקעלע אויפן קאָפּ. זי האָט אַ קוק געטאָן מיט טרויעריקע, גרויסע אויגן. אויף מיין פראַגע, צי מען קאָן זען שלמה גילבערט, האָט זי נאָך שטילער געענטפערט:

— וועגן וואָס?

און נאָך שטילער:

— ר'איז קראַנק... כ'ווייס נישט... כ'וועל זען...

און זי איז מיט שטילע טריט אַריין אין אַ צווייט שמאָל טירל.

איך האָב אַן אָטעם געטאָן מיט דעם געדיכטן ריח פון אָרעם יידיש געקעכטס און אַלטע ספרים. באַלד האָט זי מיך מיט די אויגן אַ רוף געטאָן, און איך האָב איבערגעשפּאַנט די שוועל פון אַ טונקל אַלקערל, וווּ ס'האָט פון דער טונקלקייט זיך אַרויסגע־בלייכט אַ שמאָל אייזערן בעטל. דאָס פּנים פונעם קראַנקן האָט געהאַט כמעט די זעלבע פאַרב וואָס די קישן — אַ גראָע בלייכ־קייט מיט אַ פּאָר מידע אָנגעוויינטע אויגן.

דאָס איז געווען שלמה גילבערט.

מיר האָבן זיךביידע אַ לאַנגע ווײַלע אָנגעקוקט. איך האָב נישט געוווּסט, ווי אָנצוהויבן רעדן צו אים. מיטאַמאָל האָבן זיינע קין־ביינער אַ ציטער געטאָן, און זיינע אויגן האָבן זיך אָנגעגאָסן מיט אַ משונהדיק געלעכטער. אויף זיינע ליפּן האָט אויפגעצאַפּלט דער רירנדיקער שמייכל. ער האָט מיט אַ מאָדנער אָנגעשפּאַל־טענער הייזעריקייט אין דער שטים געזאָגט:

— איך קוקט אויף מיר, ווי אויף אַ מת... זעצט אייך... ווער האָט אייך געזאָגט וווּ איך וווין? — ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און מיט פייערלעכקייט צוגעגעבן:

— אָבער איר מוזט מיר צוזאָגן, אַז איר וועט נישט אהער־שיקן קיינעם... איך דאַרף נישט... איך וויל נישט...

איך בין נאָך אַלץ געווען דערשיטערט פון דער ענדערונג אין זיין אויסזען. גילבערט האָט דאָס אונטערגעכאַפּט און ווידער מיט דעם הייזעריקן געלעכטער, ווי אַ דינע שפּרונג־פעדער וואָלט גע־פּלאַצט, האָט ער געזאָגט:

— ס'איז נאַרנישט... ס'איז שוין גוט... כ'וועל נישט לאַנג ליגן.. אויב איר ווילט, קען איך שוין אַראָפּשפּרינגען פונעם בעט און אָפּטאַנצן אַ „מאַזורקע"

איך האָב אים געבעטן ליגן רואיק און ערשט באַמערקט, אַז אויף דער ברוסט ביי אים ליגט אַ פּענכער מיט אייז.

— אייז? — האָב איך נאַיוו געפרעגט.

— יאָ. — האָט ער אָנגעוויזן אויף זיין ברוסט — אָט דאָ אי־נעווייניק ביי מיר... דאָס „שטענגל ווינטרויבן" האָט אָנגעהויבן קאַליע ווערן... איז אַ שאָד דער וויין זאָל זיך אויסגיסן.. לייגט מען אייז, כדי עס זאָל איינפרירן... אַזוי ווי שאַמפּאַניער..

ער האָט געקוקט אויף מיר מיט אַ שפּיציקן להכעיס־שמייכל. מיטאַמאָל האָט ער גענומען מיין האַנט. זיינע — האָט געבריט.

די טיר האָט שטיל אַ סקריפּע געטאָן, און די יידענע איז שטיל אַריין.

— שלמה... — זי האָט אים געוויזן, ער זאָל שווייגן.

— גוט, מאמע.. — ער האָט זי ווי אַרומגענומען מיט אַ שמייכלדיקן בליק. זי איז שטיל פאַרשוווּנדן.

— דאָס איז מיין מאמע... מען דאַרף קאָנען זיין אַזוי פרום, כדי צו קאָנען זיין אַזוי שטיל ווי זי איז...

ער האָט אַ בליק געטאָן, פאַרטראַכט אין דער ווייט:

— אָט וועט איבערלויפן דער ווינטער... דער האַרבסט איז פאַר אונדזערע ברידער אַ שווערע צייט..

מיטאַמאָל זיינען זיינע אויגן וואַרעם און לעבעדיק געוואָרן:

— ווינטער איז אויך גוט... אַ ווייסער, בלענדנדיקער שניי... מיט בליצנדיקע שטערנדלעך... קאַלטע, שמעקנדיקע לופט... כ׳וועל באַקומען האָנאָראַר פאַר מיין דערציילונג, וועט מען קאָנען אַרויס־פאָרן קיין אָטוואָצק... איר וועט קומען צו מיר... כ׳וועל אייך באַקאָנען מיט דער ווייסער וועלט פון שניי... און זון... און... טויט...

און ער האָט זיך צעלאַכט מיט זיין דין מעטאַלן געלעכטער.

איך האָב מיך אַרומגעקוקט איבער דער אַלטער אָרעמער שטוב. די ווינקלען האָבן זיך אָנגעפילט מיט טונקלקייט. און פון דאָרט האָט אַרויסגעקוקט אַן אומהיימלעכע אַלטקייט. עס האָט זיך געדאַכט, אַז דאָ וואַכן ניט־געזעענע שאָטנס, וואָס באַוועגן זיך שטיל, ווי פאַרחלומטע אויף דער וועלט פון אַ געוועזן לעבן.

גילבערט האָט איבערגעכאַפּט מיין בליק און פּלוצלינג אי־בערגעגאַנגען אין אַ שטילן געמורמל:

— איך געדענק, ביי מיר... די דערציילונג פונעם קלעזמער... דער קלעזמער, דאָס איז מיין טאַטע... אָט, דאָרט, אין ווינקל ביי דער שאַנק, הענגט זיין פידל... אַ פּראָסטער פידל... אַ ביליקער... אָבער דער ערשטער פידל, וואָס איך האָב דערקאָנט נאָך דוד המלכס... פון קינדווייז־אָן. — דער טאַטע איז אַ קלעזמער... אויף אָרעמע חתונות... ווי קומט צו אים אַזאַ פּרנסה ביי זיין פרומקייט... ווען אַ קלעזמער איז אייביק ביי אונדז אַן אַפּיקורס... אַ פיפיקער יונג?.. כ׳ווייס ניט.

ער האָט זיך פאַרטראַכט און, שמייכלענדיק, שטיל צוגעגעבן:

— כ׳קלער טיילמאָל... אַז דער ייד, מיין טאַטע, מיט דעם משוגעדיקן פידל איז אַ למד־וואָווניק... איר פאַרשטייט? אַ קלעז־מער, וואָס ברענגט קיינמאָל גאָרניט פון קיין חתונה... אין דער שפּעטער נאַכט הער איך, ווי די מאַמע רעדט שטיל... אַ קלעזמער זאָל קומען פון אַ חתונה הונגעריק, זאָל ניט מיטברענגען קיין כזית... אפילו ניט קיין בולקע? און איך הויב אָן מורא האָבן פאַר דעם קליינעם, שווייגנדיקן ייד מיט דעם משוגעדיקן פידל.

איך האָב געקוקט אויף דער אַלטער, טונקעלער שאַנק, ווו עס איז געהאָנגען אַ רויטער, אויסגעריבענער פידל, און עפּעס אַ מיסטישער אומרו האָט זיך מיר איבערגעגעבן.

גילבערט האָט זיך פאַרקלערט און, פּלוצלינג אָנכאַפּנדיק מיין האַנט, האָט ער ביז ווייטיק איינגעגראָבן אין מיר זיינע דאַרע

שפּיציקע פינגער און מיט אַ מאָדנער פאַרטראַכטקייט געשעפּ־טשעט:

— אַן אָרעמער יידישער קלעזמער... וואָס האָט נאָך קיינמאָל פון קיין חתונה נישט מיטגעבראַכט אַהיים קיין בולקע... פאַר זיינע הונגעריקע... איר פאַרשטייט?

דאָס געפיל פון עפּעס אַ ראָמאַנטישער רעגונג, וואָס האָט מיך באַהערשט יעדעס מאָל, ווען איך בין געווען מיט שלמה גיל־בערט, האָט מיך געהאַלטן אין אַ זיסער געדריקטקייט. איך בין געווען פול פון דאַנקבאַרקייט פאַר דעם קראַנקן מענטש, וואָס האָט זיך געשאַפן אַזאַ רייכע וועלט אין דער אָרעמקייט. און פּלוצ־לינג, ווי ער וואָלט געזען מיינע געדאַנקען, האָט ער מיט פולע אויגן סאַרקאַסטיש געלעכטער אויפגעהויבן זיין ווייסע דאַרע האַנט, אַ דורכגעפלאָכטענע מיט בלויע אָדערן, דער אייז־פינגער איז אַראָפּגעפאַלן פון זיין ברוסט, און זיין שטימע האָט שטיל געקלונ־גען מיט פייערלעכקייט:

— איר ווייסט דאָך נישט, ווו איר געפינט זיך... איר זעט נישט, אַז דאָס איז אַ פאַרכישופט הויז? אַ קרישטאָלענער פּאַ־לאַץ... איר מיינט, אַז דאָס אין אַן אייזערן בעטל? דאָס איז אַ קעניגלעכער טראָן... דאָס הויז איז געבליבן פון דער „פּאָוסטאַ־ניע"... דאָ האָבן געוווינט מיינע זיידעס... די ריטער.

זיינע ברוינע אויגן האָבן געשפּילט מיט אַן אויסערגעוויינ־לעכן גלאַנץ.

— ארום דאָ... וווינען פּרינצן און פּרינצעסינס... די שענסטע פּרינצעסין איז... דער שכנטעס טעכטערל פּערעלע... זיבעצן יאָר איז זי אַלט.. די בלויע אויגן מיט די שווארצע וויעס פאַרנעמען אַ האַלב פון איר ווייס פּנים... ווען איך בין קראַנק, קומט זי פרעגן וואָס איך מאַך... איך הער אירע טריט... איך הער איר שטים... און דער קוק, ווען זי פרעגט ביי דער מאמען: „וואָס מאַכט שלמה?" וואָס ווייסט איר, געזונטע, ווי גוט עס איז צו זיין קראַנק... דער־נאָך טרעף איך פּערעלען אויף די טרעפּ, זי דערשרעקט זיך, איך הער ווי עס צאַפּלט איר הארץ אונטערן בלוזקעלע.

— וואָס מאַכן זי... שלמה?"

— „אַ שיינעם דאַנק"...

— די שווערע וויעס ווילן זיך אויפהויבן, נאָר זיי שעמען זיך.. איך קוק און דאַוון, אַז די איידעלע לאָדנס זאָלן זיך אויפ־הויבן... און ווען דאָס געשעט, בלייבט מיר איבער אַ בלויער

בלאַסק, ווי אַ בליץ... אַ שטילער און אַ הייסער... אָבער פּערעלע האָט מורא פאַר מיר... מ'האָט איר געזאָגט, אַז איך פאַרנעם זיך מיט פאַרהוילענע זאַכן.. מיט ביכלעך עפּעס... מיט שוואַרצקינסטלעריי... כ'האָב איר נאָך קיינמאָל נישט געפּרוווט זאָגן פון מיינע חלומות וועגן איר... צו וואָס?...

— .. ס'וועלן איבערלויפן די פּאָר יאָר... די פּרינצעסין פּערעלע וועט שטיין אין מאַרק און האַנדלען... אָדער האָבן אַ געוועלבל...

— ...פאַרשמירטע קינדערלעך... דער דלות וועט זי אַריינפלעכטן אין זיין שפּינוועבס.. און אויף לאַנג וועט פאַרבלייבן די שפּיל פון אירע אויגן...

זיין בליק האָט זיך פאַרגראָבן אין אַ ווינקל פונעם טונקעל: חדר. ער איז, זעט אויס, מיד געוואָרן פון זעונגען. מיט האַלבפאַרמאַכטע אויגן, מיט דעם רירנדיקן שמייכל אויף די ליפּן האָב איך אים איבערגעלאָזן און אַרויס פון דעם צעבראָכענעם הייזל מיט אַ גרויס, וואַרעם געפיל פון דאַנקבאַרקייט צו דער אָרעמער נעסט, וווּ עס קלאַפּט אַ גרויס, דיכטעריש לעבן...

* * *

טויזנט ניין הונדערט דריי און פערציק. ווייט, פאַנטאַסטיש ווייט, געפינען איך מיך איצט פון יענער צייט, פון יענע טעג און פון יענעם לאַנד. עס דערטראָגן זיך צו מיר טויב די שווידער־קלאַנגען פון דער וועלט־שחיטה. איך זע וואַרשע, די אַלטע, גרויסע וואַרשע, מיט אירע יידישע גאַסן, ווו דאָס אייביקע יידישע פאָלק האָט פאַרלוירן זיין פאָדעם פון לעבן. איך זע די גאַסן, אויף וועלכע עס שפּילט זיך אָפּ די לעצטע, שווידערהאַפטע דראַמע. און איך זע די לעצטע, פאַרצווייפלטע שעה פון אומקום פון אַזויפיל טויזנטער באַקאַנטע נאָענטע. איז דען מעגלעך, איך זאָל יעמען נישט קאָנען אין דער אָפּגעצוימטער שטייג פון דעם וואַרשעווער יידישן געטאָ? איך ווייס יעדער שטיין און יעדער מויער, אויף וועלכן עס זיינען נאָך פריש די סימנים פון די טריט מיינע, און פון אַלע אַרום מיר.

אָט קומט די לעצטע שעה. די שטייג איז פאַרמויערט און פאַרהעמערט אַרום און אַרום. די קלאַנגען פון דעם מאַטערנדיקן טויט דערטראָגן זיך אַלץ נענטער און נענטער. די אַלטע קלוגשאַפט פון לאַנגע דורות יידן: צו לעבן ווייטער, צו געפינען אַ טרייסט

און דערהאַלטן דאָס לעבן... צו קוקן אויף דעם ליכטיקן טאָג. ווי טרויעריק ער זאָל נישט זיין — האָט פאַרלוירן דעם זין... אַלע מוזן שטאַרבן. און דעמלט קומט דאָס לעצטע ביסל געזונטע בלוט פון פאָלק.

דער שונא האָט אַנגערירט די מעכטיקע ארטעריע פון דער סאמע טיף, און די זין פונעם אלטן פאָלק, וואָס האָט אזוי פיל יאָרהונדערטער געזוכט אַ וועג צו רו, טוען דעם לעצטן שפיי אויף דעם שונא מיט בלוט און בליי... די אלטע יידישע ווארשעווער גאס, אלטע יידן, פון אלטע שטובן, מיט זין, מיט טעכטער און קינדער צינדן זיך אָן מיט פייער, זיי זיינען ענלעך צו יענע, וואָס האָבן אויף די ווענט פון ירושלים געשיט מיט שפּאָט און פייער אויף די רוימישע סאָלדאַטן...

און דאָ, אין דער משונהדיקער ענגשאַפט, אין טויט־געדראַנג, צווישן פייער און רויך, שטייען אויף די טרוימער פון דער יידישער גאַס, די זינגער פונעם פאָלק־טרויער, פרייד און אומעט, די פּאַר־פייניקטע, פארשפּיגענע און פאַריאָגטע דורכן שונא — יידישע שרייבער. וואָס האָבן זיי געטאָן אין די טעג? איך ווייס נישט אויף וואָס פאר אַן אופן דער שונא האָט זיי פארפייניקט, אָבער וואָס עס האָט געטאָן אין די לעצטע שעהן שלמה גילבערט — ווייס איך. ווייל דער פאָדעם פון אונדזער זעלן־נאָענטקייט איז נאָך נישט איבערגעריסן. איך זע דעם פארברענטן גלאַנץ אין זיינע אויגן, פון וועלכע עס איז פארשוואונדן דער צאַפּלדיקער שמייכל, און עס איז פאַרבליבן בלויז האס און ווייטיק. און זיינע הענט, די בלייכע, דארע, צו־לאַנגע הענט, אויב עס איז פארבליבן אין זיי נאָר דער מינדסטער כוח, האָבן זיי געכאַפּט אַ מעסער אָדער אַ האַק, עפּעס אַ שטויביק געווער, וואָס האָט זיך שטענדיק געפּלאָנטערט אין זיינע פאָלקסטימלעכע, „שרעקלעכע" מעשיות, וואָס האָבן זיך שטענדיק פארענדיקט מיט אַ הייזעריק געלעכטער פון אַ פריילעכן שד. אָבער אין דער לעצטער שעה איז מסתמא יעדער געווער שרעקלעך געווען אין זיין האנט, ווען עס איז געגאַנגען אין שיצן דאָס אָרעמע, אלטע ווארשעווער הויז, וואָס האָט פאר אים, ווי אַ קרישטאָלענער פּאַלאַץ אויסגעזען...

* * *

צענדליקער בלוט־שטורצן, גרויזאַמע אָרעמקייט און שווינד־זוכט — די גיליאָטינע פון די אָרעמע, האָבן אים נישט געקענט

אומברענגען. שלמה גילבערט, דער יידישער אוילענשפיגל, דער גייער, גייסטרייכער, וועלטלעכער הערשעלע אָסטראָפּאָלער, דער צאַרטער דיכטער, וואָס האָט געשפּילט מיט אַלע הארציקע פארבן פון דעם פאָלקס־פּאַליטער, דער זון פונעם וואַרשעווער יידישן פאָלק, האָט זיך דערוואָרט אויף די פינצטערסטע טעג, ווען די היטלער־תליינים האָבן איבערגעריסן דאָס פריידיקע קלאַפּן פון זיין האַרץ, פון זיין לעבן צוזאַמען מיטן לעבן פונעם גאַנצן פּוילישן יידנטום.

צי האָבן געוווסט די אין שטאָל און אייזן פאַרקאָוועטע רוצחים וועמען זיי ברענגען אום? עס איז נישטאָ ביי וועמען צו פרעגן. עס איז נישטאָ ווער עס זאָל ענטפערן, און נאָר אין די הערצער פון די, וואָס האָבן אים געטראָפן אין יענע דערהויבענע טעג פון יוגנט, ווען אין דער יידישער גאַס, איז אויפגעגאַנגען די ערשטע בליונג פון אַ וועלטלעכער קולטור, וועט אייביק לעבן אַ בליענדיק געפיל פון ליבע און דאַנקבאַרקייט צו דעם קינדיש־ריינעם, פרייליך־טרויעריקן יידישן אוילענשפיגל, אויסלאַכער און אָפּטוער, גייסטרייכן, דערביי אמת־שטילן, פאַרקלעמטן, איידעלן עלעגיקער און דיכטער: שלמה גילבערט.

# אַנעקדאָטישע פֿאַרצייכענונגען



# דער „זיידע"

## דער משגיח

כמעט דאָס גאַנצע לעבן האָט מענדעלע מוכר ספרים אָפּגע־לעבט אין דער שטאָט אָדעס, מיט איר שבת־גויאישן און זונטיק־יידישן גייסט, מיט איר סינאַגאָגע־יידישקייט, וווּ משה רבינו האָט מען גערופן „מאָיסיי", און אַז אַלטער ייד מיט אַ גרויער באָרד האָט געהייסן: „מישא". אַ גרויס און שווער הויז, וואָס האָט דער־מאָנט אין אַן אַלטער, רוסישער, צאַרישער קאַזאַרמע, אונטער אַ „קאַזיאָנעם" גרינעם דאַך און גרויסע, אַלטע, ליידיקע „פּאַלאַטעס" פון אַן אַלטער צאַרישער „אוטשרעזשדיעניע" — דאָס איז געווען די גרויסע אָדעסער תלמוד־תורה. און דאָ, אין די קאַזיאָנע אומ־היימלעכע צימערן, האָט געוווינט דער משגיח פון דער תלמוד־תורה, דער גרייז־גרויער „זיידע" פון דער יידישער ליטעראַטור, דער שריפטשטעלער מענדעלע מוכר ספרים.

אַלץ אַרום אים, די קאַלטע, „סקאַרבאָווע" בענק, דער גרוי־סער, סקאַרבאָווער פּאָרטרעט פון דעם קייסער ניקאָלאַי דעם צווייטן, דער ריח פון שטרענגער ליידיקייט, איז געווען אַזוי ווייט און פרעמד פון דעם אַלטיטשקן, זשוואַוון, קלוגן זיידן, אַז ס'האָט זיך געדאַכט, מ'האָט אים דאָ אַריינגעזעצט אָפּצוקומען עפּעס אַ שטראָף.

אַ גרייז־גרויער, שטייפער, קרעמפּער ייד מיט טיף אַריינ־געזעצטע קליינע אויגן, שאַרפע ווי דימענטן, וואָס באַטראַכטן יעדן מיט צוריקגעהאַלטענער שטרענגקייט, גלייכט זיך אויס, הויבט

אויף די קרעפּטיקע ביינערדיקע הענט פאר זיך, ווי ער וואָלט געוואָלט זיך שיצן: — ווער איז? וואָס דאַרף ער?

די נישט צוטרוילעכקייט גייט באַלד פאַרביי, ווען ער דערהאַפּט נאָר ביי יענעם דאָס ערשטע וואָרט, וואָס גיט אים די מעגלעכקייט צו ענטפערן מיט אַ ווערטל אָדער מיט אַ תורה. און ווידער דאַרף ער וויסן, צי דער געקומענער האָט אַ שיינעם כתב, טאָמער האָט איר אַ שיינעם כתב, זענט איר זיין מענטש. איז ער אייך אַמאָל מכבד מיט איבערשרייבן זיינע אַ פּאָר זייטלעך, וואָס זיינען אַזוי אויך, געשריבן מיט זיין האַנט, ווי געזעצטע פּערל.

זיינע צוויי און אכציק יאָר האָבן אים נישט אַראָפּגעבויגן, פאַרקערט, זיין קאָפּ מיט דער זילבערנער טשופּרינע האָר זיצט שטייף, און די אויגן, דורך די דינע, מעטאַלענע ברילן, קוקן שטרענג.

דער זיידע האָט פיינט צו שווייגן. נאָך מער האָט ער פיינט ווען יענער רעדט. כמעט שטענדיק זיצן ביי אים מענטשן, אַמיינסטן, פאַרשטייט זיך, פונעם גאַנצן קרייז, משכילים שרייבער און מקורבים. צומאָל זיצן אָבער אויך פרעמדע מענטשן, וואָס דער זיידע ווייסט נישט אויף קלאָר ווער זיי זיינען. דאָס זיינען ביי אים געוועזן סטאַטיסטן, אין וועלכע ער האָט אָן אויפהער אריינגערעדט.

גערעדט האָט דער זיידע וועגן אַלעם. אָט פאַלט ער אָן אויף לאַנג שוין פאַרשטאָרבענע מיט אַזא ברעז, ווי יענע וואָלטן אים נאָר וואָס אַן עוולה געטאָן. צווישן זיי, אַזעלכע פערזאָנען, ווי צום ביישפּיל: אברהם אָבינו. אָט קריגט ער זיך מיט... משה רבינו, פאַרוואָס ער האָט געגעבן די יידן די תורה... „געפונען וועמען צו געבן!”... „פּאַסקודניאַקעס, עבודה־זרהניקעס”... אָט פּאָלעמיזירט ער מיט שלמה המלך, אָדער פאַלט ער פּלוצלינג אָן אויף זיין געליבט אייניקל חיים נחמן ביאַליק דערפאַר, וואָס יענער האָט ליב אים אַריינצופאַלן אין מיטן די רייד. דאָס האָט ער אים קיינמאָל נישט געקאָנט מוחל זיין.

## אַ דעלעגאַציע

מיטאַמאָל מעלדעט מען דעם זיידן, אַז עפּעס אַ גרופּע יונגעלייט און מיידלעך זיינען געקומען אין אַ דעלעגאַציע. מענדעלע הייסט זיי אריינרופן.

עס באַווייזן זיך עטלעכע בחורים און מיידלעך. זעט אויס — לערערקעס.

דער אַלטער שטעלט זיך אַוועק גלייך און שטייף, אָנגעשפּאַרט אין טיש.

איין בחור שטופּט דעם צווייטן, יענער זאָל אָנהויבן. דער זיידע פרעגט:

— וואָס ווילט איר?

— מיר זיינען געקומען צו אייך, זיידע... מיר ווילן וויסן אייער מיינונג... אין דער פראַגע וועגן יידיש און — העברעיש...

אין דער יידישער גאַס האָט זיך, ווי שטענדיק, געטומלט וועגן דער פראַגע. מ'האָט זיך, ווי שטענדיק, געאַמפּערט און גע־קריגט, כאָטש אין דעם ציוניסטישן אָדעם האָט העברעיש געהאַט דעם אויבן־אָן גראָד ביי דער אסימילירטער אינטעליגענץ.

דער זיידע פאַרקרימט זיך. ער איז נישט צופרידן פון דער קלאָץ־קשיא:

— וואָס זשע ווילט איר וויסן?...

— מיר ווילן וויסן, וועלכע פון די צוויי שפּראַכן איז אונדזער נאַציאָנאַלע שפּראַך..

דער זיידע קרימט זיך, און זיינע קליינע אויגן גיסן זיך אָן מיט אַ קלוגן שמייכל:

— שפּראַך... שפּראַך... יידיש, העברעיש... הערט וואָס איך וועל אייך זאָגן, קינדערלעך.. יידיש און העברעיש איז — אַ נאָז...

די דעלעגאַציע קוקט זיך איבער.

— יאָ, יאָ, אַ נאָז.. אַ יידישע נאָז... מיט צוויי לעכלעך... אַ יידיש לעכל און אַ העברעיש לעכל... נאָר אַזוי ווי ביי אַ יידישער נאָז, מוז, כ'בעט אייך איבער, איין לעכל שטענדיק זיין פאַר־שטאָפּט... איז איין לעכל, טאַקע דאָס העברעישע, אַ ביסל פאַר־שטאָפּט... זייט זשע מיר געזונט, קינדערלעך... און אָטעמט אויף וועלכן לעכל איר קאָנט...

## דער זיידע ווערט נישט מיד

דער זיידע האָט זייער ליב געהאַט צו מאַכן וויטע שפּאַצירן. נישט געקוקט אויף זיינע צוויי און אכציק יאָר, האָט מענ־דעלע מוכר ספרים געמאַכט שפּאַצירן און איז אָפּגעגאַנגען צי־פוס צענדליקער קילאָמעטער. אויף אַזעלכע שפּאַצירן האָבן אים געווייגלעך באַגלייט נאָענטע פריינט, וועלכע זיינען אין פאַרגלייך מיט זיין עלטער גערעכנט געווען פאַר יינגערע. עס זיינען אויך

נעגאנגען יונגעליים פון דער אָדעסער שרייבער־משפחה, וואָס האָבן געוואָלט כאַפּן אַ פּאָר ווערטלעך ביים זיידן.

דער זיידע האָט גערעדט, און אלע האָבן געהערט. גערעדט האָט מענדעלע וועגן פאַרשידנס, וועגן אַלעם, וואָס מ'האָט באַגעגנט אויפן וועג. וועגן ים, וועגן דער גאַטור, וועגן יעדן ווערעמל, וועגן תורה און וועגן מענטשן און זייערע געגג.

איינמאָל, ביי אַזאַ שפּאַציר, ווען דעם זיידן האָט באַגלייט אַ גרופּע יונגעליים, איז דער שפּאַציר געווען זייער אַ ווייטער. מען איז אָפּגעגאַנגען מיטן ברעג פונעם שוואַרצן ים עטלעכע קילאָמעטער. האָבן זיך די יונגעליים אָפּגערעדט צווישן זיך, אַז מען וועט פאַרלייגן דעם זקן, ער זאָל אָפּרוען.

אָבער נאָך איידער מ'האָט זיך צו אים געווענדעט, רופט זיך אָן דער זיידע:

— קינדערלעך... איר זענט דאָך שוין אוודאי מיד... זעצט־זשע אייך אַוועק אָפּרוען, און איך וועל מיר גיין ווייטער...

## א רעדאַקטאָר

אויף איינעם אזא שפּאַציר, ווו עס זיינען אויך געווען עטלעכע פון די אָדעסער שרייבער, האָט מען גערעדט וועגן אַ געוויסן רעדאַקטאָר פון דער יידישער צייטונג אין אָדעס, וואָס האָט צו יענער צייט געעפנט אין זיין צייטונג אַ „מענדעלע־פאָנד", ווו עס זיינען געזאַמלט געוואָרן געלטער אויף צו „בויען אַ הויז פאַר מענדעלען". דער דאָזיקער „פאָנד" איז די אָרטיקע יידישע שרייבער נישט געווען צום הארץ, און אינעם געשפּרעך האָבן די שרייבער געמאַכט אַ פאָרוואורף מענדעלען, דערפאַר וואָס ער דערלויבט דעם דערמאָנטן רעדאַקטאָר אויסצונוצן זיין נאָמען. די גאַנצע אָדעסער קאָלאָניע שרייבער איז געווען אויפגעבראַכט צוליב דעם.

דער זיידע הערט אוים די טענות פון די שרייבער, און ער זאָגט:

— שאַט, קינדערלעך, איך וועל אייך אָפּענטפערן מיט אַ משל... ביי אונדז, אין קאַבצאַנסק, האָבן געוווינט ליבע... טייערע יידעלעך... די יידעלעך האָבן געהאַט טייערע ליבע קינדערלעך. און די קינדערלעך האָבן געהאַט טייערע, ליבע, יידישע קעפּעלעך... פון אינעווייניק... אָבער פון אויסנווייניק זיינען די קעפּעלעך געווען נישט אין גאַנצן גלאַטיק... מילא... ס'איז דאָך אַ יידישע זאַך!...

— האָט זיך פּאָיאַוועט אין קאָבצאַנסק אַ רופא, און דער דאָזיקער רופא האָט געמאכט אַ פּלאַסטער. דעם פּלאַסטער האָט מען באַשמירט מיט עפּעס אַ זאַלב, און אַז מען האָט דעם פּלאַסטער אַרויפגעקלעפּט אויפן קינדס קעפּל, האָט זיך דאָס קינד מחיה געווען. ער האָט געקילט און געגלעט, ווי אַ באַלזאַם... ס'איז געוואָרן זיס אין אַלע אברים...

— אוי, קינדערלעך טייערע... אַז ס'איז אָבער געקומען צום אַראָפּרייסן דעם פּלאַסטער... זאָל גאָט שומר ומציל זיין... דעמלט האָט מען געזען די עלטער-באָבע פאַר די אויגן... ס'האָט מיט געריסן שטיקער קאָפּ, און די קולות זיינען געגאַנגען אין הימל אַריין... אָט דער רעדאַקטאָר, וועגן וועלכן איר רעדט, קינדערלעך... האָט זיך צו מיר צוגעקלעפּט אָט ווי דער פּלאַסטער... ער האָט מיר איינגעאָרדנט אַ יובילײ... ער האָט מיר געבראַכט געלט... ער האָט געשריבן וועגן מיר לויב-אַרטיקלען... מיך געגלעט, געחנפעט, מיר אָנגעטאָן אַלע פאַרגעניגנס. אָט ווי דער פּלאַסטער האָט ער מיך געקילט, ווי אַ באַלזאַם...

— אָבער דאָס אָפּרייסן, קינדערלעך, איז ביטער... איך בעט אייך, קינדערלעך, טשעפּעט אים נישט, דעם פּלאַסטער... דעם רעדאַקטאָר, זאָל ער קלעפּן...

## פרישמאַן קאַפּיטולירט

ווי כ'האָב שוין דערמאָנט, האָט מענדעלע מוכר ספרים קיינעם נישט געלאָזט קומען צום וואָרט. האָט ער געכאַפּט עפּעס אַ היימישן מענטש, האָט ער אים געקאָנט אָפּהאַלטן אַ גאַנצן טאָג. פאַרשטייט זיך, אַז צוליב גרויס ליבע און דרך-ארץ, האָט אים קיינער נישט איבערגעריסן זיין געשפּרעך, בפרט אַז ס'איז געווען אַ מחיה צו הערן.

דער איינציקער, וואָס האָט זיך שטאַרק געבונטעוועט קעגן דעם, איז געווען זיין געליבט איינינקל חיים נחמן ביאַליק. וואָס האָט אַליין אויך געהאַט די זעלבע שוואַכקייט, און טאַקע אין דעם פּונקט האָט זיך ביאַליק צעקריגט מיט מענדעלען, שוין גראָד אין די לעצטע טעג פון זיינס לעבן.

אָבער איידער איך וועל דערציילן וועגן דעם, וויל איך איבערגעבן אַ כאַראַקטעריסטישע סצענע, וועלכע איך האָב בייגעוווינט, צווישן מענדעלע מוכר ספרים און דוד פרישמאַן. דוד פרישמאַן

איז אין דער הינזיכט פון „גיין מאָס רייד“ געווען דער קעניג. אָפּ־ געהיטן האָט באַדאַרפט ווערן דער, וואָס האָט אים איבערגעשלאָגן די רייד.

קענן מענדעלען אָבער, וועלכן פרישמאַן האָט שטאַרק ליב געהאַט און געאַכטעט, האָט ער געמוזט קאַפּיטולירן.

זיצן מיר אַמאָל ביים זיידן אויף זומער־ווינונג ביים שוואַרצן ים. געקומען בין איך צום זיידן מיט דוד פרישמאַן, און דער זיידע, ווי געוויינלעך, האַלט אין איין רעדן, דערציילן, גייט איבער פון איין משל, איין מעשה צו דער אַנדערער. דוד פרישמאַן זיצט, ער חלשט צו רעדן אַ וואָרט, עפּעס דערציילן, ער האָט שוין עטלעכע מאָל אַרויסגעכאַפּט דעם גראָבן ציגאַר פון מויל, אָבער גיין! דער זיידע לאָזט אים נישט קומען צום וואָרט. דאָס האָט געדויערט אַ גוטע פּאָר שעה. פרישמאַן זיצט נעבעך, די קליינע אויגן הינטער די גאָלדענע ברילן פאַרזשמורעט, און שמייכלט זיין איראָנישן שמייכל. ער האָט שוין עטלעכע מאָל אָנגעהויבן אויף זיין שטייגער, אויף דייטשמעריש:

— „נו יאַ, ווימן זי...“

ווייטער איז עס אָבער נישט געגאַנגען. דער זיידע האָט אים מיט אַ שטרענגן בליק אָפּגעהאַקט און גערעדט ווייטער.

ס'איז מיר געווען אַ ביטער רחמנות אויף פרישמאַנען. ער האָט זיך געדרייט ווי אַ שלאַנג.

מיטאַמאָל באַווייזט זיך די דינסט מיט אַ טאַץ, אויף וועלכער זי האָט געבראַכט מילך מיט געבעקס פאַרן זיידן. פרישמאַן ווערט לעבעדיק, אָט דאָ האָט ער געכאַפּט דעם מאָמענט! דער זיידע וועט נעמען עסן, וועט ער דערווייל קאָנען אויסנוצן די פּאָר מינוט און קומען צום וואָרט. און אָט נעמט דער זיידע דאָס געבעקס, בייסט אָפּ אַ ביסן און הויבט אָן קייען. ווי אָבער ער זעט, אַז פרישמאַן עפנט דאָס מויל, שטרעקט דער אַלטער אויס די הענט פאַר זיך און ווייזט פרישמאַנען מיט אַלע אברים ער זאָל שווייגן. דערביי לאָזט ער אַרויס צווישן יעדן קיי אַ קלאַנג פון אומגעדולדיקייט: הם... הם... פרישמאַן פּאַקט צוריק אַריין דעם ציגאַר אין מויל אַריין און קוקט מיט אַ פאַרקרומטן שמייכל, ווי איינער רעדט: „נו, יאַ, וואָס זאָל מען מאַכן...“

דערפאַר אָבער, אויף צוריקוועגס, האָט פרישמאַן אויסגע־ לאָזט דעם גאַנצן כעס צו מיר. אויף דעם גאַנצן וועג האָט ער אין מיר אַריינגערעדט און זיך באַקלאָגט דערויף, וואָס דער זיידע

לאָזט קיינעם נישט רעדן. ער האָט מיר דערציילט ווִיצן, ווערטער און משלים, וועלכע איך האָב שוין פון אים געהערט צענדליקער מאָל. דאָס האָט זיך געצויגן ביז שפּעטן אָוונט.

און פאַר דער גאַנצער צייט, ווען איך האָב איין און איינציק מאָל געעפנט דאָס מויל און געוואָלט עפּעס זאָגן, האָט פרישמאַן אויף מיר אַ קוק געטאָן ווי אַ מערדער און אויסגעשריגן אין גרימצאָרן אויף דייטש:

— אַבער לאַסן זי דאָך רעידן איין וואָרט...

## דאָס לעצטע וואָרט

חיים נחמן ביאַליקן האָט דער זיידע נישט געקאָנט מוחל זיין דאָס, וואָס ביאַליק האָט אים אַמאָל דערקלערט, אַז... ער וויל אויך רעדן.

און אויך די לעצטע מינוטן און דאָס לעצטע וואָרט פונעם גרויסן זקן איז געווען פאַרבונדן מיט אָט דעם כלומרשטן צעקריגן זיך.

עס זיינען געווען די לעצטע שעהען פון דעם גרויסן שריפטשטעלער. ער איז געלעגן אינעם בעט מיט פאַרמאַכטע אויגן, קליין ווי אַ קינד, מיט אַ זילבערנעם ווייסן קאָפּ.

אַרום זיינען געזעסן די אָנגעזעענסטע לייט פון אָדעס, די פאַמיליע, די אָנגעזעענסטע דאָקטוירים, שרייבער און אַלע, וואָס האָט נאָר געהאַט אַ שייכות צו גייסט און קולטור אין דער יידישער אינטעליגענץ.

אַזוי האָט שוין דער זיידע געדרימלט דעם דריטן טאָג. די דאָקטוירים האָבן אָפּגעוואַרט זיין לעצטן אָטעם, כדי צו באַשטעטיקן די גאַטירלעכע ענדע פון דעם גייסטרייכן לעבן. אַלץ אַרום האָט געוואַכט און געוואַרט דער אַלטימשקער זיידע זאָל נאָך אַמאָל עפענען די אויגן און נאָך אַמאָל זאָגן אַ וואָרט, דאָס לעצטע וואָרט. דערויף האָט מען געוואַרט מיט שפּאַנונג און ערפורכט.

און אָט איז עס ענדלעך געשען. דער גוסס האָט אַ ריר געטאָן מיטן קאָפּ, געעפנט די אויגן און אַ באַוועג געטאָן מיט די ליפּן. די דאָקטוירים האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן צו אים.

דער זיידע האָט קוים אויפגעהויבן אַ פינגער און אָנווייזנדיק אויף דעם נאָענטסטן, וואָס איז געזעסן, האָט ער קוים הערבאַר געפרעגט:

— ווער איז דאָס?

— דאָס איז דאָך אייער אייניקל... אייער חיים נחמן ביאליק... ביאליק...

— ביאליק... — האָט דער אלטער ארויסגעפּליסטערט — ביאליק... אַזאַ שייגעץ...

דאָס איז געווען זיין לעצט וואָרט. באלד דערנאָך האָט דער זיידע איינגעדרימלט אין זיין אייביקן, זילבערנעם שלאָף.

* * *

אַזוי איז אין דעם גראָען, קאַזיאָנעם אָדעסער תּלמוד־תּורה־הויז אויסגעגאנגען דער לעצטער, זילבערנער קלאנג פונעם באַרלאָפּענעם יאָרהונדערט. אַ לעבעדיקער גרוס פון דער אלטער, יידישער נשמה.

אַן אלטער יידישער פּאָרעם־מייסטער מיט אַ הייסן קאָפּ, וואָס האָט געשפּרוצט מיט פּערל אַרום זיך. —

דאָס, וואָס איז דאָ דערציילט געוואָרן, זיינען נאָר אָפּגעריסענע קרעלן, און ווער ווייסט וויפל אַנצייליקע בײַטשן פּערל עס ליגן גאָר צעשיט אין די אומעטיקע ווינקלען פון דער אלטער, אָדעסער תּלמוד־תּורה...



דוד פרשמאַן

# דוד פרישמאַן

## קליינע שוואַכקייטן ביי גרויסע מענטשן

דוד פרישמאַן האָט געהערט צו די אַממיינסטן אָפּגעזונדערטע מיפּן צווישן די יידישע שרייבער. עס איז שווער אָנצוווייזן די אומ־שטענדן, וואָס האָבן אים געגעבן זיין גרויסע יידישע ערודיציע און זיין מוסטערהאַפטן העברעישן סטיל. ער האָט נישט אָפּגעהיט קיין שום שפּורן פון ישיבה און לאַנגן יידישן לערנען, און האָט אָפּעררירט בלויז מיט זיין אייראָפּעישער קולטור. אַ חוץ דעם האָט ער זיך גע־האַלטן זייער עלעגאַנט, געפּוצט. שטענדיק מיט אַ דיקן דייטשן ציגאַר אין מויל. ער האָט גערעדט יידיש מיט אַ דייטשן צומיש און זיך גע־קלאָגט אויף דער בטלנישקייט, וואָס הערשט אין דער ליטעראַרישער משפּחה. אָבער די, וואָס האָבן אים געקענט נענטער, האָבן געהאַט די געלעגנהייט זיך איבערצוצייגן, אַז דאָס ספּעציפישע, וואָס ער האָט ליב געהאַט פאַרצוּוואַרפן אַנדערע, האָט אין אַ געוויסער מאָס אויך אים נישט אויסגעמיטן.

די עטלעכע פּריילעכע פּלעקן, וואָס איך וועל דאָ אָנוואַרפן וועגן פרישמאַנען, דאַרפן נישט גענומען ווערן ווי אַן אָפּשאַצונג. נישט פון זיין שאַפן, און נישט פון זיין ווירקן. דאָ איז געמיינט נאָר דאָס אַנעקדאָטישע וואָס דוד פרישמאַן, דער אַזוי גייסטרייכער מאַן, האָט פאַרמאָגט אין זיך אין גאָר אַ גרויסער מאָס.

דער הויפּט־שטריך פון זיין אַרט פאַרברענגען מיט מענטשן איז געווען זיין שוואַכקייט צו דערציילן אַנעקדאָטן. די שוואַכקייט איז ביי אים דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז אין די שווערסטע פאַלן פון זיין לעבן, האָט אים געקאָנט פון דער גרעסטער מרה־שחורה אַרויסשלעפּן — אַ וויץ.

וויצן האָט ער געהאט כמעט אויף אלעם, וועגן וואָס נאָר עס איז צו רייד געקומען. דער עיקר אָבער האָט ער ליב געהאט, מען זאָל אים אויסמערקזאַם הערן. אָפּגעהיט האָט געדאַרפט ווערן דער, וואָס האָט אים איבערגעריסן בעתן דערציילן א וויץ. דעמלט האָט ער אינגאנצן אויפגעציטערט פון כעס:

— אָבער הערן זי דאָך... אום גאָטעס ווילען...

איינמאָל ווען איך בין געזעסן ביי פרישמאַנען אין צימער, דאָס איז געווען אין אָדעס, ווו ער האָט געוווינט בעת דער מלחמה, איז אריינגעקומען א בלייכער יונגערמאַן. האָבט זיך, אַן אָנפאַנגער פּאָעט. דער יונגערמאַן איז געווען זייער צעבראָכן. ער האָט זיך אַוועקגע־זעצט אויף א שטול און אראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

— וואָס הערט זיך ביי איהנען? — האָט פרישמאַן געפרעגט.

— נישט גוט... — האָט דער יונגערמאַן געענטפערט און גע־מאכט א וויינענדיקע מינע.

— וואָס איז געשען? — האָט פרישמאַן געפרעגט.

— מיין מאמע... — האָט דער יונגערמאַן א קרעכץ געטון.

— זי האָבן הי א מוטער? — האָט זיך פרישמאַן געוווּנדערט.

— יאָ... אָבער.. — האָט דער יונגערמאַן געוואָלט עפּעס צו־געבן.

— אך... וויסן זי... דאָס דערמאָנט מיר א שיינעם וויץ וועגן אַ מאַמען, — האָט פרישמאַן אויפגעלעבט — זי האָבן שוין גע־הערט די מעשה מיט דעם מיידל, וואָס האָט זיך געזעגנט מיט דער מאַמען?...

דער יונגערמאַן האָט זיך אויפגעהויבן און מיט א טונקעלער שטים א זאָג געטון:

— מיין מאמע איז היינט געשטאָרבן...

— ואבער לאָסן זיך דאָך ערציילן... — האָט פרישמאַן אויפגע־רעגט אויסגעשריגן. ער האָט א קוק געטון אויף דעם יונגערמאַן און באַפּנדיק זיך, אז ער איז באַגאַנגען אַן עוולה, האָט ער שטיל צו־געגעבן:

— געשטאָרבן די מוטער.., אַן עלטער מענטש?... נו יאָ, פאַר־פאַלן, נישטאָ וואָס צו מאכן...

ער האָט געוואָלט טרייסטן דעם יונגנמאַן, אָבער נאָך מער האָט ער געוואָלט דערציילן דעם וויץ.

א לאנגע ווײלע איז געווען אומהײמלעך שטיל און מיטאמאָל האָט מען דערהערט פרישמאנס געמיטלעכע שטים:

— נו, יאַ וויסן זי... עס דערמאָנט מיך דעם וויץ מיט דעם זון... וואָס האָט געדאַרפט שיקן א טעלעגראַמע צום ברודער וועגן מוטערס טויט... דאָס איז זייער א פיינער וויץ, זי מעגן אים הערן...

און ער האָט אונדז דערציילט דעם וויץ און איז געווען צופרידן, וואָס קיינער האָט אים נישט איבערגעשלאָגן.

— — — — — — — — — — — — — — —

אין באַצוג צו דער קליידונג איז דוד פרישמאן געווען א גרויסער איבערקלײַבער. אָנגעטון איז ער געווען שטענדיק עלעגאַנט און מיט געשמאַק. אַלץ אָבער, וואָס ער האָט געטראָגן אויף זיך, האָט געמוזט האָבן עפּעס אַ געשיכטע, נישט אַזוי די זאַך אַליין, ווי איר אָפּשטאַמונג. פרישמאן האָט זיך געהאַט זײַנע פירמעס, צו וועלכע ער האָט געהאַט סימפּאַטיע און נישט געלאָזט אויף זיי פאַלן קיין שטויב.

דערפאַר האָבן שוין זײַנע נאָענטע מענטשן געוווסט, אז פרישמאַנען איז שווער צו אימפּאָנירן מיט א מלבוש, מיט א קראַוואַט, אָדער א הוט.

אין אַזעלכע פאַלן איז געווײנלעך פאָרגעקומען אַזאַ דיאַלאָג:

— ה׳ פרישמאַן, ווי געפעלט אײַך מײַן מאַנטל?

פרישמאַן קוקט דורך זײַנע דיגע, גאָלדענע ברילן:

— נו, יאָ... דאָס איז דאָך אַ מאַנטל... דער מאַנטל פון יענעם חתן.

און עס גייט אוועק אַן אַנעקדאָט וועגן א מאַנטל.

אָדער ער האָט יענעם באַלד אָפּגעשניטן.

— נו יאַ... דאָס איז דאָך א מאַנטל פון יענע מאַנטלען...

און צוגעגעבן:

— טועז זי אַ קוק אויף מײַן מאַנטל... זי ווייסן דען וואָס הייסט אַ מאַנטל?... זי ווייסן ווער נאָך עס האָט געטראָגן אַזאַ מאַנטל?... נו יאַ, וואָס ווייסן זי דען פון מאַנטלען?... דער שטאָף קומט פון א פאַבריק, וואָס האָט אויסגעאַרבעט שטאָף נאָר פאַר...

דאָ קומען עטלעכע גרויסע וועלט-נעמען, פאַר וועלכע די פאַבריק האָט אויסגעאַרבעט שטאָף, און נאָר זיי האָבן געהאַט די זכיה צו טראָגן די מאַנטלען.

איינמאָל, דאָס איז געווען אין אָדעס, זענען מיר געגאַנגען א גרופּע שרײַבער און באַגעגנט פרישמאַנען. מיר האָבן זיך אָפּגע-

שטעלט. און שוין דאָ אין מיטן דער גאס האָבן מיר געהערט עפּעס א וויץ, וואָס פרישמאַן האָט דערציילט. גראָד איז געווען צווישן אונדז איינער. דער איינער איז געווען נישט קיין אַנדערער ווי אונ־דזער אומפאַרגעסלעכער חיים נחמן ביאַליק, וואָס האָט גאָר וואָס גע־האַט געקויפט א נייעם, פלושענעם הוט. דער הוט איז געווען א סענ־סאַציע, ווייל ביאַליק האָט זיך נישט ליב געהאַט צו פּוצן און האָט נישט אויפגעהערט באַדויערן, וואָס ער האָט געקויפט אזא טייערן הוט. ער האָט כסדר פאַרגעוואָרפן דעם שרייבער פון די שורות, וואָס האָט אים אָנגערעדט צו קויפן אַזאַ טייערן הוט.

וועלנדיק טרייסטן ביאַליקן זאָג איך:

— איר דאַרפט אָבער וויסן, אז דאָס א'ז א הוט פון דער פירמע „פיכלער“, איינע פון די בעסטע פירמעס...

ווי נאָר פרישמאַן דערהערט וועגן וואָס עס האַנדלט זיך, טוט ער א קוק אויף דעם הוט, פאַרקרומט זיך און זאָגט:

— נו, יאַ... וואָס איז דאָס פאַר איין הוט?.., דאָס איז איינער פון די הוטען וויסן זי'..

— וואָס רעדט איר, ח' פרישמאַן... דאָס איז דאָך א „פיכ־לער“ ־ הוט... א באַוווסטע פירמע...

— אַבער וואַס וויסען זי פאָן הוט?... — ווערט שוין פריש־מאַן אויפגערעגט:

— די אַלע פירמעס זענען דאָך גאָרנישט ווערט... עס גיבט נאָר איין פירמע... דאס איז ״האַביג״...

אויף דעם האָט מען זיך גאָרנישט געריכט. דער איינגנטימער פון הוט פילט זיך געפאַלן.

עמעצער פרווט אים טרייסטן:

— ס'איז א גאַנץ גוטער הוט, מאַכט אייך נישט נאַריש...

ביאַליק האַלט דעם הוט. אַלע קוקן אויף אים. דאַכט זיך, א גאַנץ גוטער הוט...

ס'איז געווען אין דער צייט פון דער מלחמה. יעדע זאַך האָט געקאָסט גאַנץ טייער.

דוד פרישמאַן האַלט זיך אָבער ביי זיינס:

— די אלע היט זענען גאָרנישט ווערט... עס איז דאָ נאָר איין פאָרט הוט, וואָס זענען גוט... און דאָס פון דער פימע „האַביג“... אָט די פירמע עקזיסטירט שוין העכער הונדערט יאָר...

און עס גייט אַוועק א גאַנצע דערציילונג וועגן דער פירמע „האָביג“, אַז זי האָט צוגעשטעלט היט פאַר אַלע „הויפן“, און קיין

אײן אָנשטענדיקער אײראָפּעער װעט נישט אַרױסגײן אין גאַס אין קײן אַנדער הוט, װי אין — אַ „האַביג״, װײל דער „האַביג״־פּילץ איז דער בעסטער... אַז װאָס מער מען טראָגט אים, אַלץ שענער װערט ער. צום סוף קומט נאָך צו אַ געשיכטע, װי אַזױ די „האַביג״־פֿאַבריק האָט אים געשיקט אַ דאַנק דערפֿאַר, װאָס ער טראָגט איר הוט, און אַז װען ער דאַרף אַ הוט, שרײבט ער צו „האַביג״, מאַכט מען אים ספּעציעל אַ הוט אױף זײַן מאָס, און לױט זײַן פֿאַסאָן... זײ װײסן שױן, װאָס ער, פּרישמאַן, האָט ליב...

מילא... אַלע פֿילן זיך געשלאָגן, װאָס זאָל מען טון?...

דער אײגנטימער פֿונעם „פּיכלער״־הוט, װיל זיך נעבעך אָלײן טרײסטן:

— פֿונדעסטװעגן, פּאַניע פּרישמאַן, קאָן מען אָפּלעבן די פּאָר זינדיקע יאָרן מיט אַזאַ הוט אױך...

דאָ װערט פּרישמאַן שױן אין כעס:

— אָבער װאָס רעדן זי פּאַן הוט?... װען יעמאַנד רעדט, מוז ער װיסן, װאָס עס הײסט אַ גוטער הוט... װאָס דערצײלן זי מיר פֿאָן דעם „פּיכלער״, טראַגן זי דאָס צװײ מאָנאַטן, װערט פֿון דעם הוט אַ שמאַטע... זי זען ד ע ם הוט װאָס איך טראַג?... איך טראַג אים שױן פֿיר יאָר... און ער איזט אימער נײַ... פֿאַר װאָס? װײל דאָס איז אַ „האַביג״־הוט, װײל „האַביג״ דאָס איז נישט „פּיכלער״!

דערבײַ טוט ער אײן גרױס אױפֿרעגונג אַ כאַפּ אַראָפּ זײַן הוט.

אַלע בױגן מיר זיך צו מיטן גרעסטן אינטערעס און קוקן אַרײַן אין דעם הוט. דער הוט האָט פֿון אינעװײניק אַ װײַסן, זײַדענעם אונטערשלאָק. די זון שײַנט, עס איז ליכטיק, און אַלע לעזן מיר אײַביך די פֿירמע, װאָס איז אָפּגעדרוקט מיט גרױסער פֿעטער גאָלדענער שריפֿט, װו עס שטײט אָנגעשריבן בפֿירוש: „פּיכלער״.

יידישע
פאלקס ביבליאטעק
LIBRARY

# אינהאַלט:

## מאָנאָגראַפישע עסייען

פרצעס טעג . . . . . . 7 – 15
י. ל. פרץ און די ליטוואַקעס . . . . 15 – 19
הערש דוד נאָמבערג . . . . . 21 – 31
שלמה גילבערט . . . . . . 33 – 52

## אַנעקדאָטישע פאַרצייכענונגען

דער „זיידע" . . . . . . 57 – 65
דוד פרישמאַן . . . . . . 67 – 71